NEW YORK PUBLIC LIBRARY
FEB 26 1932
ASTOR, LENOX AND TILDEN FOUNDATIONS

The Daily Hebrew Journal

דער אידישער זשורנאל

A JEWISH CANADIAN DAILY Circulated All Over CANADA And Abroad

פּאליטיש אונאפּהענגיג נאציאנאל
א צייטונג וועלכע גיט פריהייט פון אויסדרוק צו אלע שיכטען.

VOLUME XIX No 7803 — Wednesday, February 24th, 1932 — יום ד׳, י״ז אדר א׳, פרשה כי תשא, תרצ״ב — טאראנטא, מיטוואך דער 24-טער פעברואר, 1932 — PRICE THREE CENTS

קאנאדע מוז האבן פרישע איינוואנדערונג, ווארנט מיניסטער וו. א. גאָרדאָן

צי מיר ווילען יא אדער ניט, מוזען מיר קוקען אויף דער פּאָזיטיווער זייט פון דער איינוואנדערונג, זאגט ער. — אהן א גרויסער באפעלקערונג וועט קאנאדע זיך קיינמאל ניט קענען באפרייען פון איהרע גרויסע חובות, דערקלעהרט אימיגראציאנס מיניסטער גאָרדאָן.

מאכט די דאזיגע דערקלערונג אין פּאַרלאַמענט

אטאווא, פעב. 23.

קאנאדע מוז האבען א גרעסערע באַפעלקערונג, האט האָנ. וו. א. גאָרדאָן, מיניסטער פון אימיגראציע און לייבאר, היינט דערקלעהרט אין פּארלאמענט. ,,צי מיר ווילען יא אנערקענען דעם פאקט אדער ניט, מוזען מיר אבער נעהמען א פּאזיטיווע שטעלונג צו דער פראגע פון איינוואנדערונג'', האט דער מיניסטער געזאגט.

די דאזיגע דערקלעהרונג האט דער אימיגראציאנס מיניסטער געמאכט, אין פארבינדונג מיט די גרויסע חובות וועלכע קאנאדע איז באלאדען.

,,מיר מוזען האבען א גרויסע באַפעלקערונג אויב מיר ווילען אפּצאהלען דעם ריזיגען חוב וועלכער ליגט אויף דער באפעלקערונג פון 10 מיליאן פון קאנאדע'', האט ער ווייטער געזאגט.

ער האט דערצעהלט אז די רעגירונגס באוועגונג צו באזעצען וואס מעהרער ארבייטסלאזע אויף לאנד האט שוין געבראכט צופרידענשטעלענדע רעזולטאטען, ביז איצט זענען באזעצט געווארען 44 טויזענט פערזאן אויף פארמעס, האט דער מיניסטער ווייטער געזאגט. זיי זענען אלע ארונטערגענומען געווארען פון די ארבייטסלאזע ליסטען און זיי זענען פארוואנדעלט געווארען אין אונאפּהענגיגע בירגער. ,,דאס איז ניט קיין קליינע דערגרייכונג'' האט ער דערקלעהרט.

די פראגע וועגען שניידען די ווידזשעס פון די רעגירונגס-אנגעשטעלטע, וועלכע האט היינט געזאלט אויפגענומען ווערען אין פארלאמענט, איז אפּגעלייגט געווארען ביז מארגען.

א צוטרוי פארשלאג איז היינט אויך געמאכט געווארען פון דעם געוועזענעם ארבייטס-מיניסטער האָנ. פּיטער הייניג, איבער דער פראגע פון ארבייטסלאזיגקייט. ער האט קריטיקירט די רעגירונג דערפאר וואס זי האט ניט דורכגעפיהרט איהרע ,,פּלעדזשעס'' צו אפּשאפען ארבייטסלאזיגקייט אין לאנד, און ער האט אויפגעפאדערט די רעגירונג צו נעהמען א שטעלונג וועגען דער פראגע פון ארבייטסלאזיגקייט.

,,די איצטיגע רעגירונג'', האט מר. הייניג געזאגט, ,,איז אזוי ווי שלעכטע שיף אין מיטען ים, וועלכע ווערט ארומגעשלידערט פון ברויזענדען ים''. מר. הייניג האט אנגעוויזען, אז זינט די איצטיגע רעגירונג איז אריין אין מאכט איז די ארבייטסלאזיגקייט אין לאנד פארגרעסערט געווארען.

לאנדאן, ענג., פעב. 23.

די פראגע וועגען דער אויסוואנדערונג פון ענגלענדער נאך קאנאדע און אנדערע דאמיניאנס, איז היינט אויפגעקלעהרט געווארען פון דעם מיניסטער איבער דאמיניאנס, האנ. דזש. ה. טאמאס.

ער האט דערקלעהרט, אז ער שלאגט היינט אפּ יעדען בריטישען איינוואוינער צו פאהרען נאך קאנאדע, אזוי לאנג ווי א זיכערער דזשאב איז ניט אנגעגרייט פאר איהם.

טראצקי אנגערופען אפיציעל מיט'ן נאמען קאנטער-רעוואלוציאנער

מאסקווע, פעב. 23.

דאס צונעהמען די סאוויעטישע בירגער-רעכט פון לעאן טראצקי, דורך א ספּעציעלען דעקרעט וועלכער איז ארויסגעגעבען געווארען פון דעם צענטראלען עקזעקוטיווען קאמיטעט פון דער קאמוניסטישער פארטיי, האט ארויסגערופען א היבשע מאס פון אויפמערקזאמקייט צווישען די מיטגלידער פון דער קאמוניסטישער פארטיי און די אויסלענדישע פּאליטישע באאבאכטער וועלכע געפינען זיך דא.

מען זאגט דא פאראויס, אז טראצקי וועט זיך פיהלען זעהר דערשלאגען ווען ער וועט זיך דערוויסען אז ער איז א מאן אהן א לאנד, איבערהויפּט אבער וועט איהם וועה טאן דאס וואס ער איז אנגערופען געווארען קאנטער-רעוואלוציאנער. ער איז איצט געשטעלט געווארען אויף דער זעלבער קאטעגאריע ווי די מענשעוויקעס וועלכע ער האט אליין אזוי גערודפ'ט.

מיט טראצקי'ן איז געמאכט געווארען אן אנהויב פאר א גרויסען קאמפּיין געגען דעם טראצקיזם אין רוסלאנד.

טיטולעסקו אפּגעפאהרען נאך זשענעווא

בוקארעסט, פעב. 23.

ניקאלאי טיטולעסקו איז היינט אפּגעפאהרען פון בוקארעסט נאך זשענעווא. ער האט קאנפערירט וועגען רומעניע'ס שטעלונג צו דער אנטוואפענונגס קאנפערענץ, איידער ער איז אפּגעפאהרען פון דאנען.

אויסגעמאטערטע יאפּאנעזער שטעלען צייטווייליג אפּ שלאכט

N Y Public Library 476 Fifth Ave NEW YORK N Y

קאמף אויפ'ן מזרח פראנט [illegible] ...יערט 70 שעה נאכאנאנד. — כינעזישע [illegible] ...ענען ניט געבראכען געווארען טראָץ שווע... [illegible] ...זישער אפּענסיווע. — טאָקיאָ באשליסט צ... [illegible] 25 טויזענט סאלדאטען צום פראנט. — ניי... [illegible] ...בען אין מאנדזשוריע.

שאנכאי, פעב. 24, (מיטוואך).

נאך פיער טעג פון פארביטערטען קאמף אויף אלע פראנטען ארום שאנכאי, איז די שלאכט היינט אפּגעשטעלט געווארען נאכדעם ווי די יאפּאנעזער האבען, אויסגעמאטערטע, אויפגעהערט זייער באמבארדירונג. פריהער האבען די יאַפּאנעזער געמאכט א פּרואוו צו פארניכטען די כינעזישע לופט-קראפט, איינשליסענדיג אלע עראפּלאנען, און די לופט-הייזער אין וועלכע זיי געפינען זיך.

פון דער יאפּאנעזישער ארמיי הויפּט-קווארטיר איז ארויסגעגעבען געווארען א דערקלעהרונג, אז כינעזישע פרויען האבען זיך גענומען צום געוועהר און צוזאמען מיט זייערע מענער און ברידער האבען זיי אנגעהויבען פארטיידיגען די כינעזישע פּאזיציעס.

אויפ'ן פאראייניגטען פּראטעסט פון אמעריקע, ענגלאנד, איטאליע און פּארטוגאל געגען כינע, הלמאי די כינעזישע סאלדאטען האבען נעכטען געשאסען אויף דעם ,,אינטערנאציאנאלען סעטלמענט'', האבען די כינעזישע אויטאריטעטען היינט געענטפערט אז זיי האבען עס געמוזט טאן, נעהמענדיג אין אנבאטראכט אז יאַפּאן באנוצט זיך מיט די ,,אינטערנאציאנאלע סעטלמענטס'' צו אטאקירען פון דארט די כינעזער.

פון דער כינעזישער הויפּט-קווארטיר איז באריכטעט געווארען, אז די כינעזישע סאלדאטען האבען פארכאפּט די יאפּאנעזישע ליניע ארום וואוסונג.

,,אונזערע סאלדאטען זענען מיעד און פאדערען רוה'', איז דערקלעהרט געווארען פון דער יאפּאנעזישער מיליטערישער קווארטיר. נאך 70 שעה פון שלאכטען זענען די פּאזיציעס פון ביידע צדדים געבליבען ניט געענדערט.

מוקדען, מאנדזשוריע, פעב. 23.

א יאפּאנעזישע בריגאדע אונטער מיידזשאר-גענעראל מוראי, איז היינט אפּגעפאהרען נאך כארבין, אלס רעזולטאט פון באריכטען וואס זענען דא דערהאלטען געווארען דאס אין אימיענפּאָ, לעבען כארבין, האט אויסגעבראכען אן ערנסטער כינעזישער רעוואלט, וועלכער דראָעט די גאנצקייט פון דער נייער מאנדזשוריער רעגירונג.

וואשינגטאן, פעב. 23.

עס איז היינט אויסגעפונען געוואָרען דא, אז די כינעזישע רעגירונג איז גרייט צו ארויסגעבען א פאָרמעלען סטייטמענט, אז זי וועט ניט אנערקענען די ניי-פּראקלאמירטע אונאפּהענגיגע רעפּובליק פון מאנדזשוריע.

די כינעזישע רעגירונג באטראכט נאך איצט אויך מאנדזשוריע אלס אן איינהייטליכער טייל פון דער כינעזישער רעפּובליק וואס יאפּאן האט אפּגעריסען דורך פארלעצען דעם קעלאג-אפּמאך, 9 פעלקער שלום-אפּמאך און די פעלקער-ליגע קאנסטיטוציע.

טאקיא, יאפּאן, פעב. 23.

די יאפּאנעזישע רעגירונג האט היינט באשלאסען צו פארגרעסערן איהר ארמיי אין שאנכאי, נעהמענדיג אין אנבאטראכט וואס נאך פיער טאג פון קעמפען איז דער כינעזישער ווידערשטאנד ניט געבראכען געווארען.

איצט געפינען זיך 25 טויזענט יאַפּאנעזישע סאלדאטען אין שאנכאי, און אז פארדאפּלענדיג די כוחות וועט די יאַפּאנעזישע ארמיי פארגרעסערט ווערען ביז 50 טויזענט.

דע-וואלערא געזיכערט מיט א מעהרהייט אין אירלאנד

דובלין, פעב. 23.

פּרעזידענט וויליאם ט. קאסגרייוו און זיין קאבינעט וועלכע זענען געווען ביז איצט אין מאכט אין אירלאנד פאר די לעצטע 9 יאהר, האבען היינט מודה געווען, אז די רעגירונג וועלכע איז געווען א פּראָ-בריטישע, איז דורכגעוואָרפען געווארען אין די לעצטע לאנדוואהלען.

דע-וואלערא, דער פייערדיגער רעפּובליקאנער (אנטי-בריטישער) פיהרער, האט געוואונען אין די וואהלען 79 ,,סיטס'', איינשליסענדיג די 7 ליבאריטען וועלכע געהען האנט-אין-האנט מיט זיין פּארטיי.

די ביז-איצטיגע רעגירונגס פּארטיי, האט געוואונען בלויז 69 ,,סיטס'', אזוי אז דע-וואלערא וועט האבען א מעהרהייט פון 10 ,,סיטס'', וואס ער באטראכט פאר א פולשטענדיגער מאיאריטעט צו קענען אנפיהרען די רעגירונג אנגעשטערט.

אמעריקע וויל פארגרעסערן איהר נייווי אזוי ווי יאפּאן

וואשינגטאן, פעב. 23.

די ,,נעיווי עפעירס קאמיטע'' פון אמעריקאנער סענאט האט היינט איינשטימיג אנגענומען א ביל, אויטאריזירענדיג די אמעריקאנער רעגירונג צו פארגרעסערען איהר נייווי צו דער זעלבער מאכט און זעלבער גרויס ווי ענגלאנד און יאפּאן.

דער ביל שלאגט פאר, אז אמעריקע זאל אויסגעבען יעדעס יאהר א סומע פון 70 מיליאן דאלאר, כדי צו בויען שיפען. אלע 12 מעמבערס פון דער קאמיטע האבען איינשטימיג געשטימט פאר דעם דאזיגען ביל.

גריכישע רעגירונג וועט פּראָצעסירען שולדיגע אין אנטי-אידישע ראַיאָטען

סאלאניקא, גריכענל., פעב. 23, (איטא).

29 פּערזאן וועלען גע'משפּט ווערען אויף דער פאראָרדנונג פון דער רעגירונג, דעם 2-טען אפּריל, פאר באטייליגען זיך אין די אנטי-אידישע אויסברוכען ביז לעצטען יוני, ווען דער אידישער קווארטאל אין קאמפּבעל איז פארברענט געווארען.

ניצא זארדיס, דער רעדאקטאר פון דער רעגירונגס-צייטונג ,,העלעדראני'', איז דער הויפּט אנגעקלאגטער אלס אויפהעצער צו די אונרוהען.

צווישען אנדערע וואס וועלען געמשפּט ווערען זענען קאמידים, דער פּרעזידענט פון דער נאציאנאל-גריכישער יוניאן, און דער סעקרעטאר פון דער יוניאן, הארטאפּולעס.

כדי צו פארמיידען פון וועלכע עס איז ווייטערדיגע אנטיאידישע אויסברוכען, וועט דער פּראצעס ניט פארקומען אין סאלאניקא, נאר אין א קליין שטעדטעל מיט'ן נאמען ,,פּעדריא'', וועלכע האט א באפעלקערונג פון פערציג טויזענט, מיט בלויז פיער הונדערט אידען וואס וואוינען דארט.

אידען פון סאוט דזשירזי קאנפערירען וועגען אחדות!

אטלאנטיק סיטי, פעב. 23.

אידישע פיהרער אין סאוט דזשוירזי האבען זיך דא נעכטען פארזאמעלט און אויסגעארבייט פּלענער צו אריינברענגען מעהר ארגאניזירטקייט אין די אידישע קהלות פון אלע שטעדטלאך.

איין פארשלאג איז געמאכט געוואָרען, אז רבנים פון גרויסע שטעדט זאלען ארומפאהרען אין די קלענערע שטעדטלאך און פארדיגען אידישקייט. דער הויפּט רעדנער פון דער נעכטיגער זיצונג איז געווען רבי סעמועל קאהן, פון די יונייטעד סינאגאגס אף אמעריקע.

קאמיטעען צו באטראכטען אנדערע פּלענער זענען באשטימט געווארען.

וויל מען זאל ניט אריינלאזען קיין קאמוניסטען אין אמעריקע

וואשינגטאן, פעב. 23.

קאנגרעסמאן האפּקינס האט היינט געפאדערט ביי דער אימיגריישאן ענד נאטוראליזיישאן קאמיטע פון קאנגרעס, אז א ביל זאל אנגענומען ווערען צו ארויסשיקען אלע קאמוניסטען פון אמעריקע, און ער האט געבראכט א ביישפּיל פון דעם אנטעריא סופּרים קאורט, אין פארבינדונג מיט דער פאראורטיילונג פון אכט קאמוניסטישע פיהרער.

,,מיר דארפען מאכען א סוף מיט דעם אריינשטראם פון קאמוניסטען פון קאנאדע'', האט ער געזאגט. ,,זיי ווערען דארט געשטיקט און זיי וועלען איצט זיכער לויפען צו אונז''.

ארבייטער פון ענגלאנד ווילען באיקאט געגען יאפּאן

לאנדאן, פעב. 23.

א פאראייניגטער קאמיטעט פונ'ם טרייד יוניאן קאנגרעס און דער לייבאר פּארטיי האט היינט צוגעשטעלט א מאַניפעסט צו דער רעגירונג, אז זי זאל אויפפאדערן דער פעלקער-ליגע צו באַטראכטען דעם פּלאן וועגען דערקלעהרען א דיפּלאמאטישען באיקאט געגען יאפּאן.

ארטשי דריימין געמשפּט פון דעם פאלקס פאראיין פאר גנבה

אויף א קלאגע אז ער האט באַגנב'עט דעם אידישען פאלקס-פאראיין אויף א סומע פון 83 דאלאר, איז ארטשי דריימין נעכטען פארגעבראכט געווארען אין פּאָלים קאורט פאר מעדזשיסטרייט בראון, און דער סעקרעטאר פונ'ם פאלקס-פאראיין, מר. טעללער, איז ארויסגעטראטען אלס דער באשולדיגער, דערצעהלענדיג אז דריימין האט גענומען צו פארקויפען טיקעטס פאר'ן לעצטען פאלקס-פאראיין באל, און אויך צו אננעהמען אדווערטייזמענטס פאר'ן פּראגראם.

ביז איצט האט ער דאס געלט נאך ניט אריינגעטראגען, און באווייזען זענען פאראן, אז ער האט פארקויפט טיקעטס צו קאנטראָלער סימפּסאן, קאנטראָלער רעמסדען און אנדערע.

אויסהערענדיג די באווייזען האט מעדזשיסטרייט בראון געהייסען דעם פאלקס פאראיין אנקלאגען דריימינ'ען אין א ציווילען געריכט, און ער האט די קלאגע צוריקגעצויגען.

אידען אין דייטשלאנד באַאומרוהיגט איבער היטלער'ס קאנדידאטור פאר פּרעזידענט

בערלין, פעב. 23, (איטא).

אז די אידענפראגע וועט שפּילען א וויכטיגע ראָליע אין די דייטשע פּרעזידענט-וואהלען, איז שוין היינט ארויסגעזעהען געוואָרען, נאכדעם ווי אלע פּרעזידענט קאנדידאטען זענען אפיציעל באַקאנט געמאכט געווארען.

GENERAL VON HINDENBURG

פּרעזידענט הינדענבורג

דער איצטיגער פּרעזידענט הינדענבורג איז דער ,,פאלקס-קאנדידאט''. און די פאשיסטישע כחות זענען צווישען זיך צערפיסען איבער צוויי קאנדידאטען, די היטלעריסטען האבען ארויסגעשטעלט היטלער'ן, און די ,,שטאָל-העלמעטס'' און נאציאנאליסטען האבען ארויסגעשטעלט ליוטענאנט קאלאנעל דוזטערבערג, אלס זייער פּרעזידענט-קאנדידאט.

נעהמענדיג היינט א ווארט אין דער פּארלאמענטארישער דעבאטע האט דער ,,נאצי''-דעפּוטאט גאבעלס אפּגעשפּאט פון די אידישע סימפּאטיען פאר הינדענבורג'ן, און אין א חוזק'דיגען טאן האט ער דערמאנט דאס ווערטעל ,,זאג מיר ווער דיינע פריינט זענען, וועל איך דיר זאגען ווער דו ביזט''.

טראץ דעם וואס היטלער איז נאָמינירט געוואָרען, לויט ווי עס איז פאראויסגעזעהען געוואָרען פון דער ,,איטא'', אלס פּראפעסאר אין'ם בראונשווייגער אוניווערזיטעט פאר פּאליטישער פּעדאגאגיע, פונדעסטוועגען איז אבער היינט פאראויסגעזאגט געוואָרען אין געזעץ-קרייזען די מיינונג, אז היטלער'ס קאנדידאטור פאר'ן פּרעזידענט-אמט וועט ניט אנערקענט ווערען, ווייל ער איז אן אויסלענדער.

דער פאקט וואס די ,,שטאל-העלמעטס'' האבען ארויסגעשטעלט אן אייגענעם קאנדידאט האט אביסעל פארגרעסערט דעם גלויבען צווישען די אידען, אז צוליעב דעם וואס דער פאשיסטישער ,,וואוט'' איז צושפּליטערט געוואָרען וועלען די ,,נאצי'' קאנדידאטען דורכפאלען, און הינדענבורג'ס שאנסען זענען דעריבער פיעל גרעסער צו דערוועהלט ווערען.

אין דער זעלבער צייט צווייפעלט מען אבער אויב הינדענבורג וועט ביי די



אַדאָלף היטלער

ערשטע וואהלען ציהען א גענוגענדע מאַיאָריטעט, און מען גלויבט אז צווייטע וואהלען וועלען דארפען פארקומען, וועלכע זאלען אויסגעקעמפט ווערען צווישען הינדענבורג'ן און היטלער'ן בלויז.

10 טויזענט אידישע קינדער אין פוילען זענען אהן חדרים צו לערנען

ווארשע, פעב 23, (איטא).

9,500 אידישע קינדער זענען היינטיגס יאהר אויסגעבליבען פון לערה-שולען, אזוי איז היינט אונטערשטראכען געווארען פון די אידישע קאנסולערס ביי א מוניציפּאלער דיסקוסיע, אנווייזענדיג אויף דער גרויסער פּראפּארציע פון אידישע שולאזע קינדער וועלכע צאהל דערגרייכט ארום און ארום צו עלף טויזענט.

16 טויזענט אידישע קינדער קריגען אחוץ דעם אן עלעמענטארע דערציאונג אין פּריוואטע שולען און חדרים, בעת די ניט-אידישע שולען ווערען אויסגעהאלטען פון דער רעגירונג.

דער טרויעריגער צושטאנד פון די שולען איז אויך אונטערשטראכען געווארען, וואו 60 שילער זענען אריינגעשטופּט געווארען אין א קליינעם קלאס-צימער, און נאכמיטאג זענען אנדערע קינדער געלערנט געווארען אין'ם זעלבען צימער, וועלכער איז אין א ניט-היגיענישען, ניט ווענטעלירטען צושטאנד.

אלע מעמבערס פון דער מאַיער סיק בענעפיט סאָסייטי

זענען אויפגעפאדערט צו קומען היינט 2 אזייגער נאכמיטאג, צו דער לויה פון אונזער פארשטארבענעם ברודער

אריה-לייב שטיינבערג ע״ה

פון 188 קלערמאנט סטריט, וועלכער איז נעכטען געשטארבען. די לויה וועט פארקומען פון דעם פארשטארבענעם'ס געצטער וואוינונג אויף דעם אויבענדערמאנטען אדרעס.

ביי ארדער
א. ראזענבלאט, פרעז.

קאמוניסטיש-אידישע צייטונגען פאדערען ,,חרם'' אויף פרומע אידען אין סאוויעט-רוסלאנד

מאסקווע, פעב. 23, (איטא).

אז עס דארף געשאפען ווערען אן אטמאספערע פון געזעלשאפטליכער פארדאמונג פאר די יעניגע וואס זוכען צו העלפען אריינברענגען מצות קיין רוסלאנד, דערפאר ווייל די ,,אמעריקאנער אידישע בורזשואזיע'' מיינט ניט אזוי פיעל די מצות, ווי צו אויסנוצען דעם מצות-קאמפּיין צו אנפיהרען א קאנטר-רעוואלוציאנערע אנטי-סאוויעטישע אגיטאציע, לויטעט א שארפער ארטיקעל וועלכער איז היינט דערשינען אין דער אידיש-קאמוניסטישער צייטונג ,,שטערן''.

א צאהל אנדערע אידישע צייטונגען זענען אויך ארויסגעקומען מיט ענליכע ארטיקלען.

די צייטונגען פאדערען, אז די ,,שווארצע כוחות'' אין רוסלאנד וועלכע זוכען צו אויפהאלטען די פארפוילטע אידישע מנהגים, דארפען אונטערדריקט ווערען.

מאיר שטיין ע״ה

64 יאהר אלט, פון 190 בארדען סטריט, איז נעכטען געשטארבען, און די לויה וועט זיין היינט, פּונקט 12 אזייגער בייטאג, פון דעם דערמאנטען אדרעס צום בית-עלמין פון דער חברה-קדישא אגודת אחים.

אלע לאנדסלייט און פריינט, ווי אויך מעמבערס פון דער חברה-קדישא, זענען געבעטען צו קומען היינט אפּגעבען דעם לעצטען כבוד דעם פארשטארבענעם.

☞ די נייע טעלעפאן נומערן פון ,,אידישען זשורנאל'' זיינען: ערעלייד 7424 און ערעלייד 7425 ☞

אויפ'ן גליטשיגען וועג

א שפאנענדער ראמאן
פון אידישען לעבען
אויף דער זייט ים
געשריבען פון
פראפעסאר פון
''אונטערוועלט''
מארק סארדעל
(נאכדרוקען פארבאטען.)

(פארזעצונג)

מאדאם האלצמאן האט גאר ניט גע־האט וואס צו ענטפערען אויף איהר מאנ'ס טענות. און וואס האט זי טאקע געקענט ענטפערען? ער איז דען ניט גערעכט?

לודוויג איז מיעד געווארען פון שטעהן ביי דער טיר ,אויסגעצויגען ווי א סאלדאט, און צוצוהערען זיך צו יעדען שארך. טאמער קומט אימיצער, און צו בלייבען שטייף, יעדעס מאל ווען אן אויטאמאביל איז דורכגעפאהרען. אבער קיינער פון די אויטאמאבילען איז ניט אריינגעפאהרען אין דעם רייכען הויף פון די האלצמאנ'ס, אזוי ווי זיי וואלטען אלע פארגעסען דעם וועג אהער.

— מען וועט נאך קומען.. מען וועט נאך קומען... — האט מאדאם האלצמאן געזוכט צו טרייסטען איהר מאן און זיך אליין, אבער אין דער אמת'ן איז איהר דאס הארץ געווען זעהר שווער. וואס וועט טאקע זיין, אויב קיינער וועט ניט קומען? אבער דאס קען דאך ניט זיין! מען וועט קומען! מען וועט זיכער קומען! וואס דען, מען וועט ניט קומען.

דייזי איז פאר דער צייט שוין עטליכע צעהנדליג מאל געווען ביים שפיגעל און האט זיך באטראכט פון קאפ ביז די פיס. און אלע מאל האט ער אויסגעפונען אן אנדער חסרון אויף זיך. דא איז דער שניפס ניט געווען ווייס גענוג, האט ער איהם איבערגעביטען אויף אן אנדערען; דא האט ער אויסגעפונען, אז די שפילקע פאסט ניט צום סוט, איז ער שנעל געלאפען און האט פארזארגט מיט אן אנדערער. דא איז איהם מיט אמאל איינגעפאלען, אז די האר זיינע זענען ניט גלאנציג גענוג. איז ער געלאפען אין באד־צימער און האט זיי באשפריצט מיט א שמעקענדיג וואסערעל.

און אין מיטען דער דאזיגער לויפעניש צום שפיגעל און פונ'ם שפיגעל, האט ער מיט אמאל דערפיהלט, אז עס קלעמט איהם דאס הארץ. ער האט א קוק געטאן אויף זיין זייגערעל. שוין באלד צעהן צו אלדע שווארצע יאהר! האט זיך ארויסגעריסען פון זיין מויל, ביז ווען איז דער שיעור צו ווארטען?

און ער איז געלאפען צו דער מוטער:

— מאמע איך בין הונגעריג!

די מוטער איז רויט געווארען ביז איבער די אויערען. איהר שעהנער זוהן, איהר גרויסער זון, איהר דייזי וואס וועט באלד זיין א דאקטאר, און אפשר א פראפעסאר, זאל זיך, אזוי נאריש מאכען! ניט שעהמען זיך אפילו פאר לודוויג'ן וואו האט מען אזוינס געהערט.. זי האט שוין געוואלט עפענען דאס מויל, צושרייען זיך אויף איהר זוהן, אזוי ווי אמאל, אין יענע גוטע צייטען. אבער זי האט זיך פארכאפט אין צייט... טאקע דערפאר ווייל לודוויג איז אלץ געשטאנען ביי דער טיר, בייטענדיג זיין קערפער פון איין פוס אויפ'ן אנדערען פון מידקייט, און טאקע דערפאר ווייל זי האט זיך דערמאנט, אז דא איז ניט בעי סטריט. זי האט ליבליך געזאגט צום זוהן:

— ביזט טאקע שטארק הונגעריג, מיין קינד?

— אוודאי, מאמע, בין איך הונגעריג... — האט דייזי געזאגט דעם אמת — איך האב גאר ניט געגעסען פון צוויי דעם זייגער. איצט איז שוין באלד צעהן.

— אלרייט, מיין קינד, ווארט נאך צו א קליינע ווייל׳ע — האט די מוטער איהם איינגערעדט — אזוי שנעל ווי די געסט וועלען קומען, וועלען מיר גלייך עסען.

אבער דער זייגער האט געשלאגען צעהן, און עס האט זיך נאך אלץ קיינער פון די געסט ניט באוויזען. א פערטעל נאך צעהן, און אלץ איז געווען שטיל אזוי ווי פריהער. האלב נאך צעהן, און לודוויג האט שוין פארשטעלט דאס מויל מיט דער האנט, אז מען זאל ניט זעהן זיין גענעץ. עלף א זייגער, די קעכין האט זיך באוויזען אויף דער טיר.

— מאדאם... — האט זי שטיל א רוף געטאן.

מאדאם האלצמאן האט זיך א ווארף געטאן מיט שרעק, אזוי ווי זי וואלט דערהערט א שטימע פון אונטער דער ערד. זי האט זיך אומגעקוקט און איז געווארען בייז, ווען זי האט דערזעהן די קעכין.

— וואס טוסטו דא, וואס? — האט זי זיך צושריען — דא איז ניט דיין פלאץ.

— אבער מאדאם... — האט די פרוי געזאגט מיט דרך ארץ — דאס עסען ווערט קאליע.

— ווארף עס ארויס... — האט מאדאם האלצמאן אויסגעשריען מיט כעס, אזוי ווי די דינסט וואלט עפעס געווען שולדיג.

די דינסט איז פארשוואונדען און סאניע איז ארונטערגעקומען פון די טרעפ. זי איז געווען שטארק פארמאטערט.

— קום איינגעשלאפען!... — האט זי געזאגט, אזוי ווי זי וואלט אפגעטאן א שווער שטיקעל ארבייט.

די מאדאם האט זיך אומצופרידען געדרעהט אויף איהר שטול.

— אבי זי שלאפט... — האט זי געווארטשעט.

סאניע האט זיך ארומגעקוקט. זי האט דערזעהן די ערנסטע, אנגעצויגענע פנים'ער און עס האט זיך איהר געוואלט אויסשיסען אין א געלעכטער. זי האט זיך אבער איינגעהאלטען מיט אלע כחות אזא זאך ניט צו טאן. אנשטאט דעם האט זי געקוקט אויף לודוויג'ן מיט א פרעגענדיגען בליק, אזוי ווי זי וואלט געוואלט וויסען וואס דאס מיינט. ווי קומט עס וואס קיינער פון די איינגעלאדענע געסט איז ניט געקומען. לודוויג האט פארשטאנען איהר פרעגענדיגען בליק, און ער האט געענטפערט מיט א קוועטש פון די אקסלען, וואס דאס האט באדייט, אז ער אליין ווייסט אויך ניט וואס דאס מיינט.

דייזי האט א נערוועזער ארומגעשפאנט איבער'ן צימער. ער איז געווען בלאס. מען האט געקענט זעהן, אז דער מענש איז באמת הונגעריג, אזוי ווי ער וואלט דעם גאנצען טאג געפאסט צוליעב דעם דאזיגען גרויסען דינער. ווען סאניע האט זיך באוויזען, האט דייזי זיך געווענדעט גלייך צו איהר:

— ווילט איהר זיין אזוי גוט, סאניע, און אריינברענגען עפעס פון קיך? איך שטארב עסען.

סאניע האט פארוואונדערט געקוקט אויף איהם. עס האט זעלטען פאסירט, אז דייזי זאל זי באעהרען מיט זיינעם א בליק, אדער מיט א ווארט. זי האט איהם געשלונגען מיט די אויגען. ער איז געווען אזוי שעהן אין זיין פראק, און די בלאסקייט האט איהם אזוי שעהן געפאסט צום פנים. און ווידער אמאל האט ער איהר דערמאנט עדי'ן, און יענע נאכט, ווען זי האט איהם צום ערשטען מאל געזעהן אין קאבארעט ''דער רויטער האן''.

(ווייטערס קומט)

5 דאלאר 5 דאלאר

פייפערהענגער און פיינטער

פאר 5 דאלאר א רום פייפערען מיר אויס אייערע רומס מיט די לייטעסט דעזיין. אויך מאכען מיר פעינטינג, קראפטעקס בלענדינג ביליג. רופט גלייך אם טעלעפאן טריניטי 7304 W. עסטי־מייטס פריי.

4560-3-10)

קעניגין פון האליוואוד

(פארזעצונג פון פרייטאג 5)

ער זיך ניט דערהויבען און זיך געענליכט מיט ''וואריעטע'' האט ער זיך שטארק, אויף דעם וועג אדער אויף אן אנדערען. אבער דערפאר האט די גאנצע אויפמערקזאמקייט צו זיך געצויגען אט ביז דאמאלט נאך אומבעקאנטע מארלין דיטריך. אט די וואס האט געזאלט זיין דער שאטען פון גרעטא גארבא און האט צום סוף גרעטא גארבאן אביסעל פארשאטענט. ווארום כאטש דיטריך לייקענט עס ניט אפ און פארקעהרט: זי באמיהט זיך עס אונטערצושטרייכען אז זי איז געקומען אויף יענערס וועגען, אויף יענערס אויסגעטראטענע גענג, איז אבער פארט פאראן א באזונדערקייט אינ'ם שפיעלען, איז פארט דא אן אופן וואס שטריכט זיך פאנאנדער און מעג מארלין דיטריך הונדערטער מאל זיך באמיהען אויסצוזעהען אזוי ווי גארבא איז זי עס ניט און וועט עס ניט זיין.

מארלין דיטריך איז שוין געווארען א סטאר אין האליוואוד, דאס איז קיין ספק ניט. זי איז א פערזענליכקייט אויף איהר שטייגער. אין איהרע אנדערע צוויי בילדער איז זי שוין עולה לגדולה געווארען. ''מאראקא'' האט זי דערהויבען און ''דיסהאנארד'' האט זי שוין אפילו אראפגעשלעפט צו דער אמעריקאנער פלאכקייט. אבער דער פילם צושויער שפאנט נאך און פאלגט נאך דיטריכ'ס דערשיינונג אויפ'ן לייוואנט מיט אינטערעס. ווייל פונקט ווי גארבא, וואס שפילט ניט סתם א בילד, אויבערפלעכליך, נאר פארטיעפט און איינגענארטיג אויפגעפאסט אזוי אויך דיטריך, איהר שפיעלען איז ניט קיין צופעליגקייט און קאפריז פון דירעקטאר, נאר עס ווירקט איינענע באציהונג צום אינהאלט, צו די העלדען און צו דער סביבה אין וועלכער זי שפיעלט.

מארלין דיטריך איז א חוץ דעם געבענשט מיט א מתנה וואס מאכט אינטערעסאנט זי צו זעהן שפיעלען. דאס איז דאס אויסערגעוועהנליכע מילדקייט פון איהר פנים ,אפילו דער פארפיהרערישער שמייכעל איז אויך אזא וואס טריפט ניט מיט ניפט נאר מיט האניג, אפשר אפענע ליכטיגע אויגען און ניט קיין שפיעלדיגע, שטעכענדיגע ווייס ווי עס האט גרעטא גארבא, נאר ארויסשטראהלונגען פון א אינערליך פארהוילענעם און פארבארגענעם ליכט.

פארזיגעלטע טענדערס, אדרעסירט צו דעם אונטערגעשריבענעם און באצייכענט ''טענדער פאר אינטיריאר פיטינגס, פאבליק בילדינג, טאראנטא, אנט.'' וועלען אנגענומען ווערען ביז 12 א זייגער ביי־טאג, דינסטאג, 8־טען מערץ, 1932, פאר צושטעלען און אינסטאלירען די אינטיריאר פיטינגס אין דעם פאבליק בילדינג, טאראנטא, אנט.

פלענער און ספעציפיקאציעס קען מען זעהן און טענדער פארמען קען מען קריגען אין די אפיסעס פון טשיף ארכיטעקט, דעפארטמענט אף פאבליק ווארקס, אטאווא, סופערוויזינג ארכיטעקט, 59 וויקטאריא סטריט, טאראנטא, און בילדערס עקסטשענדזש, 1104 בעי סטריט, טאראנטא, אנט.

טענדערס וועלען נישט באטראכט ווערען סיידען זיי זענען געמאכט אויף די פארמס צוגעשטעלט פון דעם דעפארטמענט און בהסכם מיט די באדינגונגען, וואס ווערען דארט אנגעגעבען.

צו יעדען טענדער מוז בייגעלייגט ווערען אן אקצעפטירטער טשעק אויף א געטשארטערטער באנק, צאלבאר צו ארדער פון מיניסטער אף פאבליק ווארקס פאר 10 פראצענט פון דער סומע פון טענדער. באנדס פון דאמיניאן אף קאנאדע, אדער באנדס פון קענעדיען נייישאנאל רעלווי קאמפאני וועלען אנגענומען ווערען אלס סעקיוריטי. אדער באנדס און א טשעק אויב נויטיג צו מאכען פול די סומע.

באמערקונג. — בליו פרינטס קען מען קריגען אין דעם אפיס פון טשיף ארכיטעקט אין דעם דעפארטמענט אף פאבליק ווארקס דורך דעפאזיטען אן אקצעפטירטען טשעק פאר דער סומע פון $20.00 צאלבאר צום ארדער פון דעם מיניסטער אף פאבליק ווארקס, וואס וועט אומגעקערט ווערען אויב דער אנבאטער גיט אן א רעגולערען אנבאט.

ביי ארדער,
N. DESJARDINS,
סעקרעטאר.
דעפארטמענט אף פאבליק ווארקס,
אטאווא, 20־טען פעברואר, 1932.

אקאונטענט-בוקקיפער

12 יאהר עקספיריענסד, וועט פיהרען אייערע ביכער טייל־צייט, אדער אודיטען פאר מעסיגע פרייזען.
אינקאם טעקס רעטורנס פיילד.
א. א. גאלדענבערג
75 האמוואוד דרייוו
הילקרעסט 7504 W

אײלט צו מיט די פסח'דיגע ''האיאס'' פעקלאך קיין רוסלאנד
ארדערס פאר ''טארגסין'' סטארס אין רוסלאנד
דאלארען אין פוילען
און אנדערע לענדער.
דער זיכערסטער, שנעלסטער און ביליגסטער וועג דורכ'ן קאנאדער פארטרעטער
אינוש. י. אקון
309 SPADINA AVE.
PHONE: MELROSE 7419
WAVERLY 6691
פארטרעטונג פאר'ן ''פארווערטס'' (סובסקריבשאן $1 מאנאטליך, פרעמיעם) און ''צוקונפט''.
ביכער, ציימונגען און נאטען אגענטור.
מערקט: — נייער אפיס אפען ביז 8 אווענט.

אונטערזוכט אייערע אויגען, און קריגט די ריכטיגע גלעזער. דער איינציגער ספעציאליסט, וועלכער איז אויטאריזירט פון גאווערנמענט אלס האבען זיך פאראיינט צו מאכען א
אפטאמעטריסט
און אפטישען
דר. הענרי העררים
279 קאלעדזש סט.
(לעבען ספאדיינא)
אפען ביז 9 אוהר אין אווענט.
Dr. Henry Harris
EYESIGHT SPECIALIST
Phone Trinity 6604
279 College St. near Spadina
Open until 9 p. m.

פאטראניזירט די איינציגע אידישע ווינדאו קלינינג קאמפאני

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז פעקטארי אפיס און סטאר קלינינג בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך און יעהרליך. 422 בעי סטריט. טעלעפאן עדליידע 8087 נאך 7 אווענט טריניטי 8520 M
NEW YORK WINDOW CLEANING CO.
427 BAY ST

צו פאררענטען

צו פאררענטען אן אפ־טו־דייט פלעט פון 4 רומס מיט אלע באקוועמליכקייטען. יעצט ליידיג. פרעגען 7 בארדען סטריט.
18-2-28)

צו פאררענטען א פלעט פון 3 שעהנע רומס, אלע מעגליכע קאנוויניענס, אויך גאראדזש אויב נויטיג. 18½ נעסאו סט.
16)

צו פאררענטען א 3 אדער 4 רומיגען פלעט, הארדוואוד פלארס, סינק אין קיטשען, אלע קאנוויניענס. יעצט ליידיג, 7 פיידזש סטריט, צווישען הארבארד און בלור. מעלראז 3929.
11-2-24)

פארלוירען — א ביכעלע מיט נויטיגע נעמען און אדרעסען, אויך סטעמפס און אנדערע ווערטפולע פאפירען, אין דעם געגענד פון סענטער עווענוי אדער אין ריימאנ'ס שוויץ. דער געפינער איז געבעטען לאזען וויסען חזן וואלאדאווסקי, קינגסדייל 8832.

היי און האבער

צו די ביליגסטע פרייזען אין שטאדט. אויך גרויסער סטאק בוריקעס און מערען. זעהר ביליג. ריליייבל פראדוס. 352 באטהורסט סטריט. עדעלייד 2941, און טריניטי 5774
9471-3-4)

פייפערהענגינג און פיינטינג

מיר דעקארייטען אייערע רומס פאר 5 דאלאר און העכער מיט אונזער פייפער ארבייט גאראנטירט. טעלעפאנירט גליין לאידברוק 2350.
1480-2-28)

חזן ב. וואלאדאווסקי

סיגיעניש געשולטער סוירדזשען
מוהל
— אויך —
מאדערנע מסדר קדושין
סוירוויסעס אין ענגליש
עלטערען פון קינדער זאלען דאס נעהמע, אין אנבעטראכט, ווייל דאס איז דער בענעפיט פון זייערע קינדער
קאנטרי לייט קענען מיך אויך רופען צו זייערע שמחות. איך וועל קיינעם ניט ענטזאגען צו קומען.
וואוינונג 62 בראנזוויק עוועניו.
טעלעפאן קינגסדייל 8832.
ארימע אומזיסט.

קאנגא
מעדיצינען
ליידט איהר פון עקזימא, הויט־קראנקהייט, דאן נוצט דעם וואונדערבארען זאלב קאנגא־סעוו. ליידט איהר פון רהומאטיזם, שטייפע גליעדער, רייבט זיך איין מיט קאנגא, לינימענט. צו באקר מען ביי סינגער ברידער (דראגיסטען) 26 קווין א. טעלעפאן עלגין 7512. מיר דעליווערען און שרקען ביי מעיל, אלס פריי.
SINGER BROS.
DRUGGISTS
26 QUEEN ST. EAST
TEL. ELGIN 7512

ליידט איר פון א ברוך?
(ראפטשורד)
א גוטע טראס און גוט צוגעפיט, באקומט איהר נאר ביי די סינגער ברידער, זיי זיינען די איינציגע אידישע אגענטען פון די נרעסטע טראס קאמפ.

פארלאנגט

א העברייאישער לעהרער פון ארץ ישראל, רעדט אויך ענגליש
זוכט העברייאישע לעקציעס
צו מעסיגע פרייזען. דערפאלג גאראנטירט. גיט אויך לעקציעס אין פראנצויזיש. א. מאנעסטער, טריניטי 8199.

פארלאנגט א מיידעל עקספיריענסד בושלער, זאל אויך קענען עקזאמענען ליידים קאוטס. פרעגען בילטמאר קלאוק קא., 204 ריטשמאנד סטריט וועסט.
753-2-24)

פארלאנגט א פארטנער צו א געהענדער בעקעריי. פרעגען טריניטי 2162 אדער 7378 דאבעליו.
13-2-24)

א יונגע דייטשע פרוי פארלאנגט הויז ארבייט. 25 סענט פאר א שטונדע. גוטע רעפערענס. טעלעפאן טריניטי 4166.
9-2-24)

פיינטער און פייפערהענגער. פרעגען טאני זענטשאק, 36 וועגאלי סטריט. טעל. טריניטי 9502 דאבעליו.
6-2-24)

דייטשער קארפענטער זוכט אלערליי רעפייער ארבייט, קען אויך איבערנעהמען קאנטראקטינג. עדעלייד 3792.
5-2-24)

ערשט־קלאסיגער דייטשער פיינטער און פייפערהענגער. טריניטי 7909.
8-2-24)

פארלאנגט עקספיריענסד סיילסליידי צו ליידים רעדי־טו־וועיר, 1052 בלור סט. וועסט.
21-2-25)

פארלאנגט הינטלאך. העכסטע פרייזען געצאהלט. רושעראך 3809.
19-3-24-2-4-9)

אונגארישע פרוי זוכט הויז־ארבייט ביים שטונדע אדער טאג, 25 סענט א שטונדע. עלגין 9864.
20)

צו פארקויפען

צו פארקויפען, א גרויסער באגיין, אן איינגעפיקסטער פלאץ פאר ביזנעס. 639 קאלעדזש סטריט.
12)

צו פארקויפען א גראסערי סטאר, זעהר ביליג, ארוזאכע אויפ'ן פלאץ. — ''זשורנאל'' באקס 156.
14-2-24)

צו פארקויפען א רעסטאראן און לאנטש רום אין מיין געגענט פון שטאדט גאראנטירט צו מאכען א גוט לעבען. א בארגיין צום שנעלען קויפער. פרעגען מר. הייש. עלגין 5808.
10-2-24)

איבערצוגעבען אן אפ־טו־דייט פיש און טשיקען סטאר אין א גוטען לאקיישאן. זיך מעלדען אין 4 בראנזוויק עוו. נעבען קאלעדזש סטריט.
17-2-25)

ביטרים ספעשעל

8 רומיגע הויז, סאליד בריק, הארדוואוד פלארס, פרענטש טירען, טיילד קיטשען דאונסטערז, אויך א קיטשען אפסטערז, ניי דעקארירט און מאדערנע סטאקא, סייד ענטרענס, גאראדזש. — פרעגען מר. מאדאניק, טריניטי 8115. טעלעפאנירט פאר אפאינטמענט.
22-225)

פיינטינג, פייפער הענגינג

מיר דעקארייטען אייערע רומס פאר 5 דאלאר א רום. מיט אונזערע פייפער. טעלעפאנירט גלייך: — לאמבארד 6951.

חפצ'ם
''טארגסין''
ארדערס אויף פסח
ווערען טעלעגראפירט
צו וואס שיקען טארגסין ארדערס, ווען מיר טעלעגראפירען עס פאר 25 סענט? ביליגסטע פרייזען אין שטאדט.
חפצ'ם שיפס קאנטאר
דעליווערט מיט פולער גאראנטיע פסח'דיגע שפייז פעקלאך
(מצה, מעהל, צוקער)
''טארגסין'' פעקלאך, אויך דאלארען איבערגעשיקט טעלעגראפיש בלויז 25 סענט
1000 צופרידענע קאסטימער!
הונדערטער אונטערשריפטען!
קומט אדער טעלעפאנירט.
חפצ'ם שיפס קאנטאר
DOMINION TICKET OFFICE
143 QUEEN ST., WEST
ADELAIDE 5971

ביזנעסמאן... ארבעטער... הויזפרוי
אפיס אנגעשטעלטע... בעלי-בתים

דארפט איהר בעטען די, וואס קומען אריין צו אייך אין סטאר זיי זאלען דערצעהלען זייערע באקאנטע, אז ביי אייך באקומט מען...?

דארפט איהר געהן פון פעקטארי צו פעקטארי, און פון טיר צו טיר פרעגען אפשר דארף מען...?

דארפט איהר זיך פארלאזען אויף פריינט און באקאנטע, אז אויב זיי וועלען באגעגנען אימיצען, וואס זוכט — וואס וויל — וואס האלט ביי....

דארפט איהר עפעס — זוכט איהר עפעס — פעהלט אייך עפעס — גוטע קאסטימער — ארבייט — א פלאץ, וואו מען קריגט עס ביליגער — בעסערע סחורה — אפשר א גוטען בעל מלאכה — ווילט איהר א הויז פארענטען — א הויז רענטען — קויפען — פארקויפען?

אן אדווערטייזמענט אין ''אידישען זשורנאל'' וועט עס אייך געבען מיט ווייניגער מיה און צו זעהר קליינעם קאסט. באזונדערס אונזערע קלאסיפיצירטע אדווערטייזמענטס קאסטען ווייניג און ברענגען רעזולטאטען.

אדווערטייזט אין ,,אידישען זשורנאל''

TORONTO HEBREW
JOURNAL

542 DUNDAS WEST
PHONE: ADELAIDE 7424-7425

נייעס ביי אונז אין שטאדט

טאראנטאר איד בויט הייזער אין ארץ ישראל, יעצט אויף באזוך אין שטאדט

מר. לעסטער, א געוועזענער טאראנטאר תושב און נאך יעצט גוט באקאנטער אין שטאדט, איז געקומען לעצטענס פון תל אביב, א"י, אויף א קורצען באזוך אין ביזנעס אנגעלעגענהייטען.

מר. לעסטער האט באזוכט די רעדאקציע און האט איבערגעגעבען א זעהר ענטוזיאסטישען גרוס פון אידישען ישוב אין ארץ ישראל. ער האלט אז די אידען אין ארץ ישראל ליידען פיעל ווייניגער פון קריזיס און לעבען פיעל בעסער ווי אפילו די אידען אין אמעריקא און קאנאדע. דער אקטיווסטער און שטארקסטער טייל פון ארץ ישראל'דיגען אידענטום, געפינט מר. לעסטער, איז דער ארבייטער קלאס, ריכטיגער די ארבייטער ארגאניזאציע, די "הסתדרות".

מר. לעסטער איז אויך שטאלץ מיט זיין בייטראג צום פראקטישען אויפבוי פון ארץ ישראל, האבענדיג אויפגעבויט א צאהל געביידעס אין תל אביב.

גרויסער מארקעט אין אידישען געגענט

געלער'ס גאראדזש אויף 360 ספעדיינע עוועניו ווערט פארוואנדעלט אין א גרויסען מארקעט. אין גיכען וועט מען צוטרעטען עס איבערצובויען און שאפען די נויטיגע איינריכטונגען פאר דעם צוועק.

דער גאראדזש ווערט אריבערגעטראגען אין אן אנדער פלאץ.

שטארבט פלוצלונג אין סיטי האל אויפ'ן שוועל פון שעריפס אפיס

איבראהאם ווישארט, שעריפס אפיסער איז פלוצלונג געשטארבען אין סיטי האל אריינגעהענדיג אין אפיס פון שעריף גארי. ווען ער איז אין דער פריה ארויסגעגאנגען פון הויז, האט ער אויסגעזעהן צו זיין אין אויסגעצייכענטען געזונט. ער איז געשטארבען פון א הארץ אטאקע. ער איז אלט געווען 66 יאהר.

קינד איבערגעפאהרען, צוברעכט א פוס

דער זיבען יאהריגער אלפרעד מאיר איז אומגעווארפען געווארען פון אן אויטאמאביל און האט געקראכען א צובראכענע פוס.

די דרייווערין פון דער קאר, עוועלין לאוסאן האט דאס קינד אפגעפיהרט אין דזשענעראל האספיטאל.

מיידעלע געפינט מאנס קערפער אין קעלער

הינטער א ליידיגער הויז אויף 135 דזשאן סטריט אונטער די טרעפ פון אן אפענעם קעלער, האבען קינדער נעכטען געפונען דעם קערפער פון א יונגען מאן. ווי מען גלויבט, איז עס דער קערפער פון דזשאן בעטס, 27 יאהר אלט, פון 99 באנד סטריט.

די פאליציי גלויבט, אז דער מאן איז ארויס פון הויז און איז אריינגעפאלען אין אפענעם קעלער. פאלענדיג מיט'ן קאפ אראפ, האט ער זיך אנגעשלאגען אן דעם צעמענטענעם פלאר און איז באלד געטויט געווארען.

דער קערפער איז גענומען געווארען אין מארג.

געפונען האט דעם קערפער א ניין יאהריגע מיידעלע, אוידיט קאיל, וואס האט צוואוויסען געלאזט דער פאליציי.

איבערגעפאהרען ארויסגעהענדיג פון סטריט קאר

ארויסגעהענדיג פון סטריט קאר אויף קארנער יאנג און ראזהיל עוועניו, איז מיס וויאלעט בוט אומגעווארפען געווארען פון אן אויטאמאביל און האט געקראגען לייכטע וואונדען אין קני און פוסטריט.

א דערבייאיגער דאקטאר האט איהר באהאנדעלט און זי איז אפגעפירט געווארען אהיים.

צוויי עלטערע לייט שטארבען פון הארץ אטאקעס

וויליאם מעקאליסטער, 85 יאהר אלט, איז פלוצלונג געשטארבען פון א הארץ אטאקע אין זיין טאכטער'ס הויז אויף 71 באסטעד עוועניו.

מרס. אוסטין, 75 יאהר אלט, איז פון א הארץ אטאקע געשטארבען פלוצלונג אין איהר וואוינונג אויף 1501 איי דאנדעס סטריט וועסט.

דער הכח ספארט פאראיין ווערט זעלבסטשטענדיג

דער הכח ספארט פאראיין, וואס איז געגרינדעט געווארען פון דער ווארשאווער לאדזשער סאסייטי, האט באשלאסען צו ווערען א זעלבסטשטענדיגע אינסטיטוציע און איז ארויס פון אונטער'ן רשות פון דער סאסייטי.

דער הכח ספארט פאראיין, א אידיש נאציאנאלער קלוב, ווענדעט זיך יעצט צו דער אידישער עפענטליכקייט נאך מיטלען פאר אנפירען און פארשפרייטען זיין טעטיגקייט.

עס איז געשאפען געווארען א ספעציעלער קאמיטעט, וואס זאל העלפען פינאנסירען דעם ספארט פאראיין. אין אוהם געהען אריין פארשטעהער פון הכח און דזשיי. רובין אלס טשערמאן, און דר. וואלפע אלס סעקרעטאר.

מאנטאג אווענט איז פארגעקומען דער ערשטער מיטינג פון דעם קאמיטעט.

דער הכח פוסבאל טים איז אנגענומען געווארען אין דער סיניאר פוסבאל ליעג. שבת וועט דער טים ארויסגעהן פאר זיין ערשטען פראקטיצירען אין פעלד.

א צאהל פראמינענטע אידען אין טאראנטא האבען זיך פאראינטערעסירט אין שאפען א אידיש נאציאנאלע ספארט באוועגונג און האבען צוגעזאגט דעם "הכח" זייער שטיצע.

א אידיש מיידעל לאדט איין איהרע חברטעס צום שמד

קראקא: —

אין א היגער פוילישער צייטונג איז אפגעדרוקט אזא אנאנס פון א אידיש מיידעל:

"אדעלא האלפערן פארבעט אלע איהרע חברטעס און פריינט זיי זאלען קומען 12 א זייגער בייטאג אין קירכע פון הייליגער אננא בייצוואוינער די שמד־צערעמאניע צוליעב איהר איבערגעהן פון אידישען גלויבען אויפ'ן קריסטליכען".

היט אייער געזונט

פונקט ווי וויכטיג עס איז א גוטער דאקטאר, איז נאך וויכטיגער, אז די פרעסקריפשאן וועלכע דער דאקטאר גיט זאל ריכטיג געמאכט ווערען פון א קאמפעטענטען דראגיסט.

ראטבארט

דער ראיעלער דראגיסט.

טעלעפאנירט אונז. מיר שיקען נאך אייער פרעסקריפשאן און דעליווערען, ניט אכטענדיג אין וועלכען טייל פון שטאדט איהר וואוינט.

מעסיגע פרייזען.
שנעל, ראיעל, פינקטליך.

ראטבארט'ס דראג סטאר
קארנער דאנדעס און אגוסטא עוועניו.
נייער טעלעפאן:
עדעלייד 6201
676 קווין סטריט וועסט
עדעלייד 2800



אויסשטייענדסטע פאר 40 יאהר
"SALADA"
TEA
„פריש פון די גערטנער"

וואס הערט זיך אין אידיש-נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד

פארבאנד כאר אין ניו יארק וועט פייערען 10 יאהריגען יובילייאום דעם 30־טען אפריל

גרויסע פארבארייטונגען ווערען איצט געמאכט צו דעם 10 יאהריגען יובילעאום פון דעם פארבאנד כאר, וואס וועט געפייערט ווערען שבת אווענט, דעם 30־טען אפריל. דער פארבאנד כאר, וואס ווערט אנגעפיהרט פון דעם באגאבטען דיריגענט ליא ליאו, האט זיך שוין דערווארבען א גרויסען נאמען אין מוזיקאלישע און אידיש־געזעלשאפטליכע קרייזען. צו דעם 10 יאהריגען יום־טוב מאכט דער כאר אן אנשטרייגונג דורכצופיהרען אן אויסערגעוועהנליך שעהנעם פראגראם פון אידישע פאלקס און ארבייטער לידער און לידער פון ארץ ישראל וואס ליאו האט מיטגעבראכט פון זיין לעצטער רייזע אין ארץ ישראל.

אין פארבינדונג מיט דעם יובילעאום פון כאר, וועט דער יום־טוב טראגען א דרייפאכיגען כאראקטער: דאס „היימישע ווינקעל" — צווייג 178 פון פארבאנד, וואס האט לעצטען יאהר אויסגעטיילט די ליטערארישע פרעמיע צו דר אנגעזעהנע אידישע שריפשטעלער פאר זייערע ווערק, וואס זענען ארויסגעגאנגען דאס יאהר — וועט אויך היי־יאהר אויסטיילען די ליטעראטור־פרעמיע פאר דעם בעסטען אידישען בוך, וואס איז ארויסגעגאנגען אין יאהר 1931. דעם אווענט וועט די פרעמיע אויסגעטיילט ווערען.

אויסער די צוויי אויבענדערמאנטע פייערונגען וועט די גאנצע נאציאנאל־סאציאליסטישע באוועגונג פייערע דעם אינטערנאציאנאלען ארבייטער יום־טוב — דעם 1־טען מאי. ווי אלע יאהר, וועט די באוועגונג פייערען דעם ארבייטער יום־טוב, מיט א ספעציעל צוגעגרייטען פראגראם פון אנגעזעהענע קינסטלער.

צענטראלע ארגאניזאציעס שיקען ארויס רוף צו פארענדיגען דערפאלגרייך דעם קאמפיין פאר די פאלקשולען און אידישען לערער סעמינאר

די צענטראלע ארגאניזאציע פון דער ציוניסטיש־סאציאליסטישער באוועגונג — ווי דער פארבאנד, צענטראל קאמיטעט פועלי ציון און צעירי ציון און די פיאנערן פרויען ארגאניזאציע — האבען ארויסגעשיקט א דרינגענדען רוף צו אלע צווייגען פון דער באוועגונג, אין וועלכען זיי ווערען אויפגעפאדערט צו ברייננגען צו א דערפאלגרייכען ענד דעם פאראייניגטען קאמפיין פאר די אידישע פאלק־שולען און אידישען לערער סעמינאר. „יעדער ברענטש, קלוב און פאראיין — ווערט געזאגט אין צושריפט — מוז דעם קאמפיין פארענדיגען אין די קומענדיגע פאר וואכען און איבערשיקען דאס געלט אין הויפט אפיס פון שולען קאמיטעט. עס מוז געזארגט ווערען, אז יעדער חבר זאל געבען זיין מינימום בייטראג צו דעם קולטור און דערציאונגס קאמפיין".

נייע סטודענטען ווערען איצט אנגענומען אין אידישען לערער סעמינאר

דער אידישער לערער סעמינאר האט אנגעהויבען דעם פריהלינג סעמעסטער מיט א רייע נייע וויכטיגע קורסען אין אידיש־העברעאיש און אלגעמיינע געגענשטאנדען. די לערער פון היינטיגען סעמעסטער זענען די פאלגענדע פעדאגאגען און שריפשטעלער: פראפ. פ. שניאורסאן, ש. ניגער, חיים שויס, דר. י. שאצקי, ל. לערער, י. אפאטאשו, מ. גילדין, ב. גלאזמאן, דר. ל. ראזענבערג, ש. שטיין, ש. ראסקין, א. ראוואוצקי, דר. ל. פאגעלמאן, ה. לייוויק, חיים ליבערמאן פ. גינגאלד, און אנדערע. היינטיגען זמן זענען אנגעהויבען געווארען ספעציעלע קורסען פאר אנפאנגער אין אידיש, העברייאיש און אין ענגליש. צווישען די סטודענטען זענען דא אן אנגעזעהענע צאהל פון דער אמעריקאנער יוגענט, וועלכע זענען דערצויגען געווארען אין אמעריקע. א גרויסע צאהל סטודענטען זענען פון די שטאטען און קאנאדע. פערזאנען וואס ווילען זיך אנשליסען אין סעמינאר קענען עס טאן אין פארלויף פון דעם חודש. זיך ווענדען צום אידישען לערער סעמינאר, 427 לאפאיעט סטריט, ניו יארק.

אנטוואפנונגס־קאנפערענץ אפגעלייגט

זשענעווא, פעב. 23.

די אנטוואפנונגס קאנפערענץ איז היינט אויפגעלייזט געווארען אויף צוויי וואכען, אנהויבענדיג מערץ 19־טען, אויף א פארשלאג פון דער יאפאנעזישער דעלעגאציע, וועלכער פארשלאג איז אונטערשטיצט געווארען פון אמעריקא און ענגלאנד.

אמעריקאנער בוטלייגערס פארזאמלען זיך אין האליפאקס

האליפאקס פעב. 23.

דא ווערט היינטיגע וואך אפגעהאלטען א קאנווענשאן פון די גרעסטע אמעריקאנער בוטלייגערס און שנאפס־באראנען, וועלכע האבען זיך פארזאמעלט צו דיסקוטירען פרידליך זייערע ביזנעס.

עס ווערט איבערגעגעבען אז דער „קעניג" פון די ביער און אלקאהאל „באראנען". ווענדי היגינס, געפינט זיך שוין אין האליפאקס.

פרוי און קינדער שניידען אפ פון דער שטריק א אידישען סוחר

פון ווארשע מעלדעט מען:

שפעט אין אווענט זענען די פאמיליען־מיטגלידער פון באקאנטען ווארשעווער סוחר ר., וועלכער איז אנגעגאנגען פאר זעהר רייך, געווארען אויפגעוועקט דורך א געשריי פון דער דינסט. די פרוי און קינדער זענען אראפ פון בעט און געזעהן זייער מאן און פאטער הענגען אין מיטען עס־צימער. מען האט שנעל אפגעשניטען די שטריק און מען האט איהם אפגעראטעוועט. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער סוחר האט געהאט צומארגענס צו צאלען וועקסלען און ער האט ניט געקאנט באצאהלען, צוליעב דעם יעצטיגען שארפען פינאנציעלען קריזיס, און דאס האט איהם דערפיהרט צום פארצווייפעלטען שריט.

די שטוב־מענשען היטען דעם סוחר, וועלכער ליגט איצט צו בעט און האט היץ.

אין דער סוחר'ישער וועלט האט דערזעלבסטמארד פארזוך פון דעם סוחר ר., ארויסגערופען א היבשע אויפרודערונג, ווייל אלע האבען איהם געהאלטען פאר א זעהר רייכען מענשען, און קיינער האט זיך ניט גערעכנט אז אויך ער איז א קרבן פון דעם יעצטיגען פינאנציעלען קריזיס.

שפאנענדע רעסלינג פראגראם

היינט אין מייפל ליעף גארדענס

אויסער דעם הויפט באוט מיט זאכאריאס און מעקמילען אלס געגנער און דעם סעמי פיינאל, מיט שטיינקע — ראבאק, וועלען די רעסלינג ליבהאבער היינט אווענט אין דעם מייפל ליעף גארדענס קריגען נאך צוויי אויסערגעוועהנליך אינטערעסאנטע פרעלימינערים. און דאס מיינט א פראגראם מיט דער פולער האנט.

דזשים מעקמילען

זאכאריאס און מעקמילען זיינען א גוט צוגעפאסטע פאר. די צוויי באוטס, אין וועלכע זיי האבען זיך פריהער באגעגנט, זיינען געווען סענזאציאנעל פון אנהויב ביז ענדע.

ראבאק און שטיינקע האבען ביז יעצט נאך צו קיינעם ניט פארלארען אין טאראנטא און דערפאר איז אויך דער היינטיגער קאמף צווישען די צוויי אינטערעסאנט: ווער פון זיי וועט אוועקגעהן מיט דעם זעלבען רעקארד נאך היינטיגער באגעגעניש.

וועלאנד, אנטעריא

נאך א לאנגען שטילשווייגען האט זיך די יאנג דזשודיען ווידער געלאזען הערען מיט זייער לעצטען מיטינג. די דזשודיען האבען אמאל געטאן שעהנע ארבייט אין וועלאנד. צוליעב געוויסע סיבות איז זייער טעטיגקייט איבערגעריסען געווארען. לעצטענס האבען זיי זיך צוריק אנגעהויבען ארגאניזירען און צוציהען נייע קרעפטען. צווישען אנדערע אויך ה' ציממערמאן וועלכער איז לעצטענס אויפגענומען געווארען אלס לערער אין "וועלאנד היי סקול" און ער האט זיך באזעצט אין וועלאנד.

* * *

דער יערליכער טאנץ אווענט פון די "ליידים עיד" איז פארגעקומען דעם 13־טען יאנואר. דער אווענט איז דורך מיט גרויס ערפאלג. די הכנסה איז באשטימט געווארען פאר'ן "בילדונגס פאנד". די ליידים עיד גרייט זיך נאך דורכצופיהרען היינטיגען ווינטער פארשידענע אונטערנעהמונגען פאר'ן אויבענדערמאהנטען צוועק. באזונדער געהט די סאסייטי אויך אן ווי געוועהנליך מיט איהר שעהנע צדקה ארבייט אין וועלאנד און אויך אויסער וועלאנד.

* * *

איינס פון די אויפגאבען פונ'ם וועלאנדער אידישען קולטור קלוב איז אראפצוברענגען פון צייט צו צייט א פראמינענטען אידישען שרייבער אלס לעקטאר און אזוי ארוים אויפצופרישען יעדעס מאל דאס קולטורעלע און געזעלשאפטליכע לעבען אין אונזער ישוב.

א דאנק די באמיהונגען פון דעם קולטור־קלוב וועלען מיר אין גיכען האבען די געלעגענהייט צו הערען א לעקציע פון דעם באוואוסטען אידישען שריפטשטעלער און קריטיקער ש. ניגער. ה. ניגער איז אראנזשירט קיין וועלאנד אויף מאנטאג דעם 29־טען פעברואר. מיר ערווארטען געסט פון דער ארומיגער סביבה.

* * *

דער קינדער קלוב וואס איז לעצטענס געשאפען געווארען ביי דער אידישער שולע ווייזט זיך ארויס פאר גאר ערפאלגרייך. אזוי אז די קליינווארג האבען זיך שוין גאר ניט וואס צו שעמען פאר די גרויסע. די קינדער מיטינגען זיינען גוט באזוכטע און עס הערשט ביי זיי א מוסטערהאפטע ארדנונג. יעדער באשלוס פון דעם קלוב ווערט פינקטליך אויסגעפיהרט.

אזוי האבען די קונדער פון זייער איינגער איניציאטיווע זיך איינגעשאפען א קינדער ביבליאטעק וועלכע פראגרעסירט פון וואך צו וואך סיי אין ביכער סיי אין לעזער.

* * *

וועלאנד האט לעצטענס געהאט א שעהנע און פרעהליכע שמחה.

מר. און מרס. יאנישעווסקי האבען געפייערט די בר־מצוה פון זייער זוהן יוסף. די פאמיליע יאנישעווסקי איז זעהר באליעבט אין וועלאנד צוליעב זייער אקטיוויטעט אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען און זייער שמחה איז אויך די שמחה פון גאנצען אידישען וועלאנד. אבער דער פאקט, וואס דער בר מצוה בחור האט אנגעפאנגען זיין אידישע דערציהונג אין דער וועלאנדער אידישער שולע, און איז היינט איינער פון איהרע גוטע תלמידים, האט אויך געגעבען גענוג אורזאך אז זיין בר־מצוה פייערונג זאל אויך פארוואנדעלט ווערען אין א יום טוב פון דער וועלאנדער אידישער שולע.

שבת פרשת ויחי האט דער בר מצוה געקראגען מפטיר און ער האט זיך אויסגעצייכענט מיט'ן זאגען די ברכות און די הפטורה.

נאכ'ן דאווענען איז געפראוועט געווארען אין שוהל א שעהנער קידוש פאר די מתפללים. אויך איז אינ'ם זעלבען שבת געפראוועט געווארען א סעודה'לע ספעציעל פאר די תלמידים פון דער אידישער שולע. די הויפט פייערונג אבער איז ערשט פארגעקומען זונטאג דעם 3־טען יאנואר אינ'ם זאל פון וועלאנדער אידישען קולטור קלוב. א גרויסע צאהל פריינד און קרובים פון די יאנישעווסקים זיינען זיך צונויף געפאהרען צו דער שמחה.

עס זיינען אויך געווען געסט פון טאראנטא, קיטשענער, גועלף, פרעסטאן, ניאגרא־פאלס פארט קאלבארן און אנדערע. דער חתן הבר־מצוה יוסף יאנישעווסקי, האט זיין בר מצוה רעדע אנגעהויבען אין העברעאיש. דערנאך איז ער איבערגעגאנגען אין א קלאהרען און זאפטיגען אידיש. זיין רעדע האט אלעמען באגייסטערט.

עס האבען נאך גערעדט מנחם קירישענבלאט לעהרער פון דער וועלאנדער אידישער שול און א סך פון די געסט.

א. דבדבני.

„עס איז בעסער פארלאזען זיך אויף צוויי אנקערס"
—לאטיינישער שפריכווארט.

גרויסע שיפען אין ים פארזיכערען זיך טאפעל דורך פירען צוויי אנקערס. אויב איינער וועט אין א נויט ניט אויסהאלטען, איז דא א צווייטער אויף זיין פלאץ. אין פערזענליכע פינאנצען פארלאזען זיך מענשען געוועהנליך אויף זייערע רעגולערע פארדינסטען. די קליגערע אבער גרייטען זיך צו פאר א נויט א צווייטען אנקער — א סייווינגס רעזערוו. זאל זיך קומען וואס עס וויל, וועט איהר פיהלען זיכער און רוהיג. אויב איהר האט אויפגעבויט א געזונטען סייווינגס אקאונט. פאנגט אן יעצט — דעפאזיט רעגולער א טייל פון אייער איינקונפט איהר זאלט קענען וואך נאך וואך אנטוויקלען א צווייטען שוצמיטעל.

זיבעצן ברענטשעס איבער גאנץ אנטעריא.

PROVINCE OF ONTARIO SAVINGS OFFICE
HEAD OFFICE
PARLIAMENT BUILDINGS

טאראנטאר ברענטשעס:
בעי און עדעלייד סט.
דענפארט און פענוויק עוו.
יוניווערזיטי און דאנדעס סט.
2048 דענפארט עוו.



פורנישור!

טשעסטערפילד סעטס, דיינינג רום סעטס, בעדרום סעטס
קיטשען סעטס, קאמבינײשאן סטאוס און געז רענדזשעס.

בעסטע און נייעסטע סטיילס
קעש אדער קרעדיט

ספעשעל נידעריגע פרייזען פאר פעברואר

העכסטע קוואליטעט
בעסטע באדינגונגען

366-8 קאלעדזש סט., -- YORK FURNITURE Co., Limited

טעלעפאן קינגסדייל 7978 (צווישען בראנזוויק און באדען)
קיינע ברענטשעס
אייגענטימער: ה. ליטוואק און זוהן

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
THE HEBREW JOURNAL
Published by
JOURNAL PUBLICATIONS OF TORONTO, LIMITED
542 DUNDAS ST. WEST Telephones: ADelaide 7424-7425
NATHAN FRIEDLAND, President.
Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario.
Subscription Rates: $6 PER YEAR $3.50 SIX MONTHS
Single Copy—3 cents.
Entered as Second Class Mail Matter at C. P. O., Toronto, January 22nd, 1913.
ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL TORONTO, ONT. 25

וואס די באנקירען אגיטירען און וואס זיי טוען

אלס שטייער־צאלער דארף יעדער רעכטדענקענדער בירגער אין טאראנטא זיין צופרידען מיט דעם מערהייט באשלוס פון סיטי קאנסיל לעצטען מאנטאג, ניט צו שניידען בלינד די שכירות פון די שטאדטישע אנגעשטעלטע.

אלדערמאן ראדזשערס האט אריינגעבראכט א פארשלאג אין סיטי קאנסיל צו שניידען די שכירות פון די שטאדטישע אנגעשטעלטע צעהן פראצענט. אויבערפלעכליך מאכט עס דעם איינדרוק, אז פון דעם וועט דער שטייער־צאלער, דאס הייסט דער טאראנטאר בירגער אין אלגעמיין, געווינען, ווייל אויב די שטאדט וועט צאלען קלענערע שכירות, וועט דער שטייער זיין דאס יאר א קלענערער.

דאס איז אבער בלויז אויבערפלעכליך. קוקט מען אריין טיפער אין דעם ענין זעהט מען פאר זיך א גאנץ אנדער בילד.

מיט א צייט צוריק האבען מיר שוין באמערקט, אז אלדערמאן ראדזשערס פארשלאג איז געווען אן אלגעמיינער, דאס הייסט, שניידען צעהן פראצענט פון די שכירות אהן אונטערשייד. ארונטערנעהמען צעהן פראצענט ביי דעם, וועלכער נעהמט 25 דאלאר א וואך און א גלייכע סומע ביי דעם, וועלכער נעמט 250 דאלאר א וואך. אז דאס איז אן אומזין קען יעדער רעכטדענקענדער מענש פארשטעהן.

מען וואלט געקענט איינשטימען מיט יענע אלדערמען, וועלכע האבען אגיטירט, אז יעדער איין שטאדטישער ארבייטער, וועלכער פארדינט ווייניגער ווי צוויי טויזענט דאלאר א יאר, זאל ניט אנגערירט ווערען און די שכירות זאלען נאר געשניטען ווערען פון די, וועלכע פארדינען צוויי טויזענט דאלאר א יאר און מער.

וואס מיר ווילען ציהען די אויפמערקזאמקייט פון די בירגער איז אט צו וואס:

די שטאדט האלט ביים מאכען א הלואה פון 15 מיליאן דאלאר. אלע מאל האט די שטאדט געצאלט פיער און א האלבען פראצענט פאר געלט. דאס יאר ווילען די באנקירען ניט ווייניגער ווי פינף און א האלבען פראצענט.

לויט דעם פארלאנגטען פראצענט, וועט די שטאדט פאר דער הלואה מיט די פראצענטען אפצאלען אנדערהאלבען מיליאן מער ווי זי וואלט געצאלט אין א געוועהנליכער צייט. און אויב די באנקירען זענען עס די, וועלכע שטורמען און ליארעמען אזוי, אז די ארבייטער שכירות מוזען רעדוצירט ווערען, אום צו פארבעסערן די צייט און זיך ארויסדרעהען פון עקאנאמישען קריזיס, און האבען אזוי פיעל מיטלייד מיט דעם ארימען שטייער־צאלער, וועלכער קען נעבאך זיינע שטייערען ניט באצאלען, פארוואס זאלען זיי אליין זעהן ניט באריסען אזוי די בירגער?

וויפיעל וועט די שטאדט איינשפארען דורך רעדוצירען די שכירות פון די ארבייטער? לויט ווי עס ווערט דערקלערט, וועט די סומע ניט באטרעפען קיין האלבען מיליאן דאלאר. דאס הייסט, צונעהמען ביי די ארימע ארבייטער און אוועקגעבען די באנקירען. פארוואס?

די באנקירען רופען עס פאטריאטיזם, עקאנאמיע, און וואס ניט, אזוי רופען זיי עס. אונז דאכט, אז די רעכטדענקענדע בירגער וועלען עס אנדערש רופען. זיי וועלען עס רופען: בארויבען די ארבייטער צו אנשטאפען זייערע אייגענע קעשענעס.

אימיגראציאנס מיניסטער רעדט קלארע ווערטער

אין א רעדע, וועלכע דער קאנאדער אימיגראציאנס מיניסטער האט געהאלטען אין פארלאמענט, האט ער געזאגט דאס, וואס אלע פריינט פון קאנאדע האבען ניט אויפגעהערט צו אגיטירען אין די לעצטע צעהן יאר. און דאס איז, אז ניט אכטענדיג ווי די לאגע אין לאנד זאל ניט זיין, מוז די קאנאדער באפעלקערונג פארגרעסערט ווערען דורך אימיגראציע. ווייל קאנאדע קען קיינמאל ניט האפען צו באצאלען איר נאציאנאלען חוב מיט איר יעצטיגער באפעלקערונג.

גערעדט האט דאס דער אימיגראציאנס מיניסטער פון קאנאדע און ניט אכטענדיג וואס מיר, אלס אידען, האבען זיך ניט וואס צו פרעהען דערמיט. ווייל אין די גוטע צייטען ווען מען האט אריינגעלאזען און די טויערען פון קאנאדע זענען ניט געווען אזוי שטארק פארשלאסען, האט מען שטרייננג געזיפט די אימיגראציע פון מזרח איירפא, און דער פארצוג איז געווען פאר די "נארדיקס". אבער ווי שלעכט דאן איז ניט געווען, איז עס דאך פיעל בעסער ווי עס איז יעצט.

קאנאדע, א לאנד מיט א באפעלקערונג פון עטוואס איבער צעהן מיליאן מענשען האט א נאציאנאלען חוב פון ווייט איבער צוויי טויזענט מיליאן דאלאר. יערליך צאלט דאס לאנד איבער 125 מיליאן דאלאר בלויז פראצענט אויפ'ן חוב און יערליך פארגרעסערט זיך דער חוב, ווייל דער בודזשעט קען ניט באלאנסירט ווערען, הויפטזעכליך אין די לעצטע קריזיס יארען. אויף וועלכען אופן, און ווען קען קאנאדע האפען צו באצאלען איר חוב אפילו אונטער די בעסטע אומשטענדען.

די קאנאדער באפעלקערונג קרעכצט אונטער'ן יאך פון די שווערע שטייערען אלע מאל. אפילו אין דער בעסטער צייט ווען פראספעריטי איז אויפ'ן העכסטען פונקט, ווי עס איז געווען מיט יארען צוריק.

א טאפעלע באפעלקערונג אין קאנאדע וואלט געווען א ברכה פאר'ן לאנד. מיר גיבען אמת, צו, אז די אינדוסטריע אין קאנאדע קען היינט צו טאג ניט אויפנעמען קיין גרויסען ארבייטער צופלוס. דערפאר אבער קען קאנאדע אויפנעמען א פיעל גרעסערע אגריקולטור באפעלקערונג.

ווי דער אימיגראציאנס מיניסטער אליין האט צוגעגעבען זענען אין די לעצטע עטליכע יאר 44 טויזענט נייע פארמער באזעצט געווארען אויף לאנד אין קאנאדע, און זיי דערנערען זיך, ווייסען ניט פון קיין ארבייטסלאזיגקייט און ליידען ניט אזוי ווי די באשעפטיגטע אין דער אינדוסטריע.

די פארביסענע און געשוואוירענע אימיגראנטען־פרעסער וועלען ווארשיינליך קיינמאל ניט דערלאזען אז די טויערען פון קאנאדע זאלען געעפענט ווערען אזוי ברייט ווי פאר דער לעצטער וועלט־מלחמה. די רעגירונג דארף זיך אבער שטארק רעכענען מיט דעם, וואס דער אימיגראציאנס מיניסטער האט געזאגט. און מיר צווייפלען ניט, אז אויב קאנאדע זאל זיך נאר אומקערען צו דער אימיגראציאנס פאליסי, וועלכע זי האט אנגענומען אין די ערשטע יארען פון נאך דער מלחמה, וועלען די אידען געווים אויך עטוואס געניסען פון דעם.

א גרעסערע אימיגראציע נאך קאנאדע פון איירופא און פון אנדערע וועלט־טיילען וועט איינפאך ראטעווען קאנאדע.

רעסטאראנען

(מענליכע שמועסען)

פון יצחקי

כ'האב שוין לאנג זיך געקליבען צו שרייבען וועגען די רעסטאראן־ביזנעס, נאר איך האב זיך בסדר אפגעהאלטען צוליעב עטליכע סיבות.

ערשטענס, האב איך שוין איינמאל געשריבען וועגען דעם, מיט עטליכע מאנאטען צוריק. צווייטענס, ווייזט מיר אויס, וועט זיין פאר מיר פיעל גלייכער, ווען איך וועל וואס ווייניגער האבען צו טאן מיט רעסטאראן־קיפערס. דריטענס, איז דער דאזיגער ענין בכלל מיר פרעמד געווארען, זינט איך האב אנגעהויבען הנאה האבען פון "האום־מעיד מיעלס" ביי מיין אייגענעם טיש און אין מיין אייגענער "קיטשען". פערטענס, האט מיך קיינער פון די טאראנטא'ר רעסטאראטארס ניט געבעטען צו שרייבען וועגען זייערע ביזנעס און וועגען זייער קאנקורענץ. און פינפטענס, האב איך פשוט מורא צו פארלירען לעזער, וועלכע געניסען צוליעב דער קאנקורענץ פון ביליגע מאלצייטען — אויב זיי וועלען איינזעהן אז איך שטעל זיך אויף דער זייט פון די רעסטאראטארס און געגען זייערע אינטערעסען.

אט צוליעב די דאזיגע טעמים האב איך די גאנצע צייט אפגעלייגט צו זאטשעפען זיך מיט דעם ענין — רעסטאראנען.

ווייזט אבער אויס, אז דער רבש"ע האט געוואלט איך זאל יא שרייבען וועגען רעסטאראנען. האט ער דאריבער מיר צוגעשיקט א שפאגעל נייעם אינצידענט, וועלכער פאדערט מיין אויפמערקזאמקייט און אייער אויפמערקזאמקייט אויך.

עס איז דער אינצידענט מיט'ן פינלענדישען ארבייטער רעסטאראן אויף ספעדינע עוועניו, וועלכער איז געשלאסען געווארען פון דער טאראנטא'ר פאליציי באארד דערפאר ווייל אין יענעם רעסטאראן האט מען באמערקט עטליכע קאמוניסטען זעטיגען זייער הונגער.

א היבשע צייט איז שוין פאראיבער זינט דער רעסטאראן איז צוגעמאכט געווארען און דאך הערט מען ניט, אז די הערצער פון די פאליציי קאמישאנערס זאלען האבען ווייכער געווארען פאר דער צייט... דער רעסטאראן איז געבליבען געשלאסען טראץ אלע אינטערוועניציעס מצד דער ליבעראלער פרעסע און מצד דער פראגרעסיווער עפענטליכער מיינונג.

* * *

עס קאן זיין אז פון א פינאנציעלען שטאנדפונקט איז די שליסונג פונ'ם רעסטאראן געווען א ברכה פאר דער "מענעדזשמענט". איך קען אייך פארזיכערען, אז ניט ווייניג רעסטאראנען אויף ספעדיינע עוועניו און אויף קאלעדזש סטריט וואלטען זיך מיט פארגעניגען מארגען געשלאסען ווען דער פארלאנג צו "ביטען" איינס דאס אנדערע וואלט ניט געווען אזוי גרויס צווישען די רעסטאראן־קיפערס.

עס איז ביי זיי א פראגע פון עקשנות. "אויב יענער מאכט ניט צו, וועל איך אויך ניט צומאכען", זאגט יעדער איינער צו זיך אליין. "קרענקט יענער אזוי לאנג ווי איך וועל איהם פארשאפען דעם דאזיגען פארגעניגען"...

און בלויז א דאנק דער דאזיגער עקשנות, בלייבען אלע רעסטאראנען אפען... מיר קענען דאריבער גלויבען אז פאר'ן פינלענדישען ארבייטער רעסטאראן איז, פון א פינאנציעלען שטאנדפונקט, געווען א ברכה די שליסונג פונ'ם רעסטאראן.

אבער דא איז דאך ניט בלויז א פראגע פון געלט, נאר פון פרינציפ. עס איז די פראגע, אויב די פאליציי־קאמישאן האט געהאט א רעכט צו שליסען א רעסטאראן, בלויז דערפאר וואס צווישען די קאסטאמער זענען אויך געווען עטליכע קאמוניסטען.

דעם בעסטען ענטפער אויף דער דאזיגער פראגע האט געגעבען די אנטריסטעטע עפענטליכע מיינונג אין טאראנטא. עס זענען געווים פאראן עלעמענטען, וועלכע וועלען שטיצען די פאליס קאמישאן אין איהר האנדלונג, אבער דער גרעסטער טייל פון דער טאראנטא'ר באפעלקערונג איז טיעף איבערצייגט אז די פאליס־קאמישאן איז באגאנגען א גרויסען פארברעכען און א פארלעצונג פון די פונדאמענטאלסטע מענשליכע רעכט.

* * *

דאס איינציגע וואס עס בלייבט פאר מיר, אונטער די אומשטענדען צו טאן איז, צו אנשליסען זיך, מיט דער עפענטליכער מיינונג און אויסדריקען מיין פארדרוס (און כ'בין זיכער, אז אייערען אויך) געגען דער האנדלונג פון דער פאליציי־קאמישאן.

איך גלויב אז די טאראנטא'ר פאליציי האט שוין לאנג אנגעהויבען איבערכאפען די מאס אין איהר נייגונג נאכ'ן קאמוניסטישען שאטען.

עס איז א האנדלונג וועלכע איז געגען יעדע מאס פון יושר און געזעלשאפטליכער פאראנטווארטליכקייט.

פאקטען און שטימונגען אין א"י

(פון אונזער ספעציעלען קארעספאנדענט)

י. ל. וואהלמאן, (תל־אביב).

די עקאנאמישע לאגע איז איצטער אין ארץ ישראל גאר ניט שלעכט, און עס וועט פיליכט ניט זיין קיין גוזמא צו זאגען דאס ביים היינטיגען טאג איז די עקאנאמישע לאגע דא בעסער ווי אין א סך לענדער אין איראפא. אבער פאר דאס הערשט לעצטענס דא א געוויסע בעאונרוהיגונג צוליעב דער פאליטישער לאגע.

עפעס שפירט זיך אין דער לופטען דאס דער פאליטישער ווינד אין לאנדאן איז ווידער געווענדעט געגען אונז און ניט פאר אונז. איבערהויפט לאזט זיך דאס מערקען פון דער פלוצלינג פארשטארקטער טעטיגקייט פון מר. פרענטש, דער וואס איז אהער געשיקט געווארען אויף אדורכצופיהרען דעם בעקאנטען "ענטוויקלונגס פראגראם" לויט די פארשריפטען פון דעם ווייס־בוך.

נאך איידער מר. פרענטש איז אהערגעקומען האט אין די אפאזיציאנעלע קרייזען פון ישוב געהערשט א מיינונג דאס מיר זאלען מיט מר. פרענטש לגמרי זיך ניט באגעגנען, מיר זאלען איהם ניט אויפנעהמען, און מיר זאלען איהם ניט ארומפיהרען אין אונזערע קאלאניעס, מיט איין ווארט — מיר זאלען איהם לגמרי באיקאטירען. זענען אבער געקומען די מעסיגע עלעמענטען און זיי האבען געזאגט אז דער וועג פון באיקאט איז פאר אונז א געפעהרליכער. זייער סברא איז געווען פארקעהרט. דאס מיר מוזען נאך מקרב זיין דעם דאזיגען בייזען שליח פון פאספילדס גזירות, און מיר מוזען איהם אויפווייזען ווי ווייט מיר זיינען "גוט און פרום", ווי אזוי מיר ברענגען נאר אן אויפריכטונג פאר דער אראבישער באפעלקערונג, ווי מיר מאכען געזונד דאס לאנד א. אז. וו.

געוויגט האט די מעסיגע מיינונג. און אזוי ווי נאר מר. פרענטש איז געקומען האבען מיר איהם גלייך געליפערט אונזער מיטהילף. מיר האבען איהם ערטיילט אלע אינפארמאציעס און מיר האבען איהם ארומגעפיהרט אומעטום, און האבען איהם געוויזען אלע "אונזערע גוטע מעלות". און יענער האט דערויף צוגעבאמקעט זיין ענגליש־פלעגמאטישען "יעס סער". אמאל האט ער אויך אונז מכבד געווען מיט א קוים אנזעהעוודיגען התפעלות־אויסרוף, און מעהר נישט.

דאס זעלבע האט ער אויך געטאן בנוגע דעם אראבישען צד. ווארום אויך זיי האבען מיט איהם ארומגעטאנצט. זיי האבען איהם ממש בעשאטען מיט א רעגען פון אנקלאגעס געגען די פארכאפערישע ציוניסטען, וועלכע האבען פארכאפט ביי די אונשולדיגע ארעמע אראבער כמעט בחנם זייער באדען.

אלס געהילף פון מר. פרענטש איז געווארען בעשטימט מר. קיטשינג. צוזאמען זיינען ביידע ארומגעפאהרען איבערן לאנד, האבען געפארשט די לאגע און האבען געזאמעלט די נויטיגע מאטעריאלען, און האבען זארגפעלטיג רעגיסטרירט אלע אנקלאגען פון די "געקריוודעטע" "אראפגעטריבענע" אראבער. אויך דאס מויל פון מר. קיטשינג איז געווען א פארשלאסענער קאסטען, און קיינער האט פון איהם ניט געהערט וואס פאר א בעציהונג ער האט צו דער דאזיגער פראגע. נאר אין א שעהנעם פריהמארגען ווערען מיר פלוצלינג געוואהר דאס מר. קיטשינג האט זיך אנגעגעבען אין דעמיסיע, צוליעב דעם וואס ער איז זיך פאנאנדערגעגאנגען אין זיינע מיינונגען מיט די מיינונגען פון מר. פרענטש.

וואס אזוינס פאר א מיינונג ער האט געהאט מר. קיטשינג, צו איז ער געווען פאר אונז בעסער אדער ערגער פון מר. פרענטש — וועגען דעם האט קיינער ניט געהאט קיין בעשטימטען בעגריף. נאר דאך האט מען זיך משער געווען, דאס מר. קיטשינג האט געמוזט זיין עטוואס בעסער פאר אונז געשטימט ווי מר. פרענטש. דערויף ווייזט קודם כל דער פאקט וואס ניט פרענטש נאר ער האט זיך אנגעגעבען אין דעמיסיע. ביי דער איצטיגער פאליטישער קאניונקטור אין לאנדאן קאן דאס דיענען אלס סימן מובהק...

נאר אט איז געקומען פלוצלינג דער "דזשואיש קראניקעל", און האט פובליקירט אן ארטיקעל אין וועלכען עס ווערט געזאגט, דאס מר. קיטשינג איז געווען פאר אונז פיעל עקסטרעמער געשטימט ווי מר. פרענטש, און דאס לויט זיין מיינונג דארף די עליה פאר נייע אידישע עולים צו זיין נאך פיעל מעהר באגרעניצט ווי פריהער.

בנוגע דער עצם זאך איז צו זאגען דאס לויט אלע וואהרשיינליכקייטען שטעהען מיר פאר א נייער אטאקע אויף די רעכטע פון "דער אידישער נאציאנאלער היים".

עס איז קלאהר ווי דער טאג, דאס די לאנדאנער רעגירונג גרייט צו נייע באגרעניצונגען געגען אונזער אויפבוי טעטיגקייט, און אז מר. פרענטש'ס גאנצע טעטיגקייט איז געווענדעט געגען אונז און ניט פאר אונז.

דער שרייבער פון די דאזיגע שורות געהערט ניט צו דער רייהע מענשען "שווארץ־זעהערס". עס וואלט אבער געווען א גרויסע עולה צו ווילען פארמאכען די אויגען און זאגען אז מען זעהט ניט וואס עס געהט דא פאר.

אויף דער באשולדיגונג פון לאנדאנער "דזשואיש קראניקעל" האט די פאלעסטינישע רעגירונג היינט פובליקירט אן אפיציעלען קאמוניקאט, איז ער טרוקען ווי א ביין. און יעדענפאלס לייקענט ער ניט אפ די עצם פארשווערונג וואס מר. פרענטש גרייט צו אויף אונז.

אינ'ם דאזיגען אפיציעלען קאמוניקאט ווערט געמאלדען דאס מר. פרענטש האט דערלאנגט צו דער רעגירונג אן אלגעמיינעם מעמאראנדום וועגען די ענינים פון דער "ענטוויקלונגס פראגראמע" און דאס ער גרייט צו נאך א צווייטען מעמאראנדום, וועלכער וועט ענטהאלטען א רייהע אקטועלע ענינים. דער דאזיגער צווייטער מעמאראנדום וועט פארטיג ווערען במשך דעם מאנאט מערץ.

ווייטער ווערט געמאלדען דאס עס וועלען געשיקט ווערען קאפיעס פון יענעם מעמאראנדום צו דער "אידישער אגענץ" און צו דער אראבישער עקזעקוטיווע, כדי אז זיי זאלען צוגעבען דערצו זייערע באמערקונגען, איידער דאס וועט איבערגעגעבען ווערען צו דער רעגירונג אין לאנדאן צום באשטעטיגען.

אגב איז מען מודיע אינ'ם זעלבען קאמוניקאט, דאס מר. סקווינגטאן וועלכער איז נאמינירט געווארען אלס פינאנציעלער ראטגעבער פאר מר. פרענטש קומט צו פאהרען אהער אין צוויי וואכען ארום. ווי עס איז צו פארשטעהן איז אויך די ידיעה וועגען מר. סקווינגטאן ניט קיין אזא וויכטיגע בשורה טובה פאר אונז...

און אזוי ווי נאטירליך, מען איז אנגעשראקען האלט מען אין איין זארגען. זארגען איז דאך איבערהויפט ביי אונז אידען קיין נייעס ניט.

אין דער היגער צייטונג "הארץ" איז איבערגעדרוקט געווארען דר. ווייצמאנס זעהר אינטערעסאנטער בריעף צו זיינעם א תל אביב'ער גוטען פריינד:

"איך האב דעם געפיהל — שטעהט אין בריעף — דאס מיר שטעהען איצטער אויף דער שוועל פון וויכטיגע וועלטס־געשעהענישען. אין די נאהענטסטע פינף זעקס חדשים וועלען פארקומען אויף דער וועלט אזעלכע זאכען וואס וועלען קענען דעצידירען אונזער זאך. די גאנצע וועלט שטעהט און ווארט אויף נייעס. פעלקער און לענדער וועלען זיך צוזאמענקומען און וועלען נאך אמאל איבערוואגען און איבערמעסטען אלץ וואס מען האט אמאל שוין געהאט דעצידירט. פיעל בלאטערען זיינען פול געווארען מיט אייטער און מען וועט מוזען אלץ איבערבינדען, עס וואלט געווען נויטיג דאס אויך מיר זאלען זיין פארגעברייט דערצו. פיליכט וואלט מען געדארפט איצטער צונויפרופען א אידישען וועלט־קאנגרעס. ווער זשע אבער וועט דאס טאן?..."

און ווי זינגט מען עס דא אין לאנד: ואף על פי כן ולמרות הכל — ארץ ישראל. (טראטץ אלעמען און דאך אזוי, איז דאס לאנד פארט ארץ ישראל.) מעג זיך טאן אויף דער וועלט וואס עס וויל זיך, און דא זיצען אין לאנד פארקשנטע אידישע בחורים און אידישע מיידלעך, און זיי לעגען א ציגעל צו א ציגעל, און זיי בויען אויף די אידישע היים.

אין דער געביידע פון דער "ועדת התרבות" אין תל אביב איז נאר וואס פארענדיגט געווארען די פיערטע קאנפערענץ פון דער אידישער ארבייטערין (ועידת הפועלות). און צוקוקענדיג זיך צו זייער פארהארעוועטען אויסזעהען, און צוהערענדיג זיך צו זייערע רייד האט מען געקאנט דערשפירען דעם אידישען כח אין לאנד. און נאך שטארקער איז געווארען אין הארצען די אמונה אין דער גערעכטיגקייט פון אונזער זאך. און נאך פעסטער איז מען איבערצייגט געווארען אז דאס לאנד איז אונזער, און דאס קיינע בייזע ווינטען וועלען שוין קיין שליטה ניט האבען אויף אונז.

הונדערט מיט עלף דעלעגאטקעס האבען רעפרעזענטירט צוועלף טויזענט ארגאניזירטע אידישע ארבייטערינס פון דארף און שטאדט. דער מעהרסטער טייל פון זיי שטאמען פון די קבוצות. דאס זענען מיידלאך און פרויען וואס די געשמידעטע ענערגיע שלאגט ארויס פון זייערע אויגען־אפלען. דער ווינד מיט דער זון האבען געלאזט זייערע שפורען אויפ'ן פנים און האבען מיט קנייטשען צואקערט דעם שטערען. זייערע מלבושים זיינען גאנץ ווייט פון יעדעם פוסטער קאקעטעריע און מאדע־זוכעריי. דאס זיינען איינס ביי איינס הייליגע געשטאלטען, מענשען וואס האבען זייער אייגענעם 'איך' מקריב געווען צוליעב די דאגות פאר'ן גרויסען כלל.

און טאמער איז דא עפעס אן אונצופרידענהייט איז עס נאר דערפון וואס מען איז מיט זיך ניט גענוג צופרידען און ניט גענוג זיכער, מען האט אלץ נאר מורא טאמער איז מען חלילה אראפ פון דעם גייסטיגען ניווא. און האט מען וועגען עס איז עגמת נפש — איז עס נאר פון דעם וואס עס זעהען זיך ניט קיין נייע פלעצער פאר'ן אידישען "כיבוש", און פאר וואס די גאולה־טריט פון דעם פאלק זיינען געווארען אזוי לאנגזאם . . .

איך קוק זיך צו צו די טיפען פון ערה פישמאן, רחל כצנלסון, חיותה בוסעל, רחל ינאית, חנה טשיזשיק, בת שבע חייקין, און נאך אנדערע צעהנדליגער פון זייערע חברות, די שטילע און הייליגע בויערינס טרוימערינס. אין זייערע רייד הערט זיך ניט דער מינסטער שפור פון פאזע. אלץ איז ביי זיי אויף דער העכסטער מדרגה נאטירליך און איינפאך. קיינער איז דא ניט אויסען דעם רעדנער עפעקט מיט'ן אויסערליכען "רושם" אויף די צוהערער. מען רעדט זיך אדורך צווישען זיך ווי מיט אייגענע שוועסטער. מען מאכט צוזאמען דעם "חשבון הנפש", כדי מען זאל וויסען וואו מען האלט אין דער וועלט.

די יונגע חברות שטעהען מיט אויסגעשפיצטע אויערען און זיי פארנאטירען אין זייערע בלאקען יעדעס ווארט געזאגט דורך דער "גענעראליציע". יעדעס ווארט זייערעס וועט שפעטער איבערגעחזרט ווערען מיט עהרע־פורכט אין די שטילע אווענטען פון דעם קבוצה לעבען...

איך גלויב אז אויב עס איז בכלל פאראן אין דער וועלט א ווינקעלע, וואו מען קאן זעהן דעם מענש אויף זיין הויכער הויך, איז דאס זיכער געווען ניט ערגעץ אנדערש ווי נאר אויף דער תל־אביב'ער קאנפערענץ פון די אידישע ארבייטער פרויען.

שלום

פון **אן אייגענעם.**

אי־איי־איי! אין וואס פאר א גליקליכע און ליכטיגע צייטען מיר לעבען! וואס פאר א פיינע און ציוויליזירטע מענשהייט מיר זענען! מיר זענען באמת ווערט, אז מען זאל אונז אויף די הענט טראגען.

הדברים האלה — די דאזיגע רייד זענען געזאגט געווארען אנטקעגען דעם, וואס אין גענף זענען פארזאמעלט פארשטעהער פון אלע שבעים אומות אויף א קאנפערענץ, וואו זיי ברעכען זיך נעבאך די קלוגע מוחות ווי אזוי צו אנטוואפענען זיך און שאפען שלום, אייביגען שלום אויף דער וועלט.

וואויל איז אונז, וואס מיר לעבען אין אזעלכע גרויסע טעג, אין ימות המשיח.

איך שלינג איין צייטונג נאך דער אנדערער, לייען מיט גרויס אפעטיט די ידיעות וואס קומען פון גענף און קען זיך גאר זאט ניט אנלייענען.

דער נאבעלער אידעאל פון וועלט־פרידען האט מיך אזוי פארכאפט, אז ויהי בלילה, ווען איך שלאף איין, קומט דער שלום מיר צו חלום און די וועלט ווערט פארגעשטעלט פאר מיר אין אזא בילד:

אויף דעם מלחמה פראנט פון די יאפאנטשיקעס קומט פלוצלונג פאר א שאס הגדול און באלד הערט זיך א שאס הגדול אויפ'ן כינעזישען פראנט. באלד הויבען אן פלאטערען פון ביידע פראנטען ווייסע שלום פאהנען. די גענעראלען פון ביידע צדדים קומען איינער אנטקעגען דעם אנדערען, צוקושען זיך און פארבייסען מיט רייז פודינג.

טוען זיך היטלעריסטען א לאז אויף דער אידישער גאס, אין בערלין מיט אדאלף היטלער'ן בראש, שטעלען אפ יעדען אידען אין גאס און בעטען זיך: "זייט מיר מוחל, הער יודע!" אדאלפטשיק אריין אין א שוהל, שלאגט זיך "על חטא", און דערנאך פארלאזען זיי דעם אידישען קווארטאל זינגענדיג "אידען איבער אלעס!"

געהט דער מופטי אוועק צו רבי קוק און צוזאמען געהען זיי אין דער שוהל פון רבי יהודה החסיד. דער מופטי ציהט זיך אויס און לאזט זיך אריינצעהלען ל"ט מלקות. דערנאך הויבט ער זיך אויף און בעט מחילה ביים אידישען פאלק, אויסרופענדיג דריי מאל "לעבען זאל די באלפור דעקלאראציע!" דאן טוען זיך א לאז די אראבער אין די אידישע קאלאניעס, וואו זיי טאנצען די "הארא" און מען קוילעט שאף און מען טרינקט שווארצע קאפע זיצענדיג אויף די אייגענע פיס.

ברענגט מען גאנדהי'ן פון טורמע גלייך צום וויצע־קעניג. טוט דער וויצע־קעניג אויס זיינע תחתונים און גיט זיי גאנדהי'ן אנצוטאן, און נאכדעם ווי ער רופט אויס "יחי הנביא גאנדהי!" לאזט ער זיך געהן הויזנלאז צום האפען און פאהרט אפ גלייך קיין ענגלאנד.

רופט ארויס סטאלין קיין מאסקווע טראצקי'ן און פאלט איהם מיט טרעהרען אויפ'ן האלז: "זייט מיר מוחל טאווארישטש לייבעלע!". צוקוקענדיג צו דער ריהרענדער סצענע הויבען אן די אידישע קאמוניסטען צו רעדען העברייאיש און דער "עמעס" ווערט צוריק אן "אמת".

טוט מעקדאנאלד א וואונק צו הענדערסאנ'ען, אז ער זאל זיך זעצען אין פארלאמענט מיט איהם אויף איין באנק. איז זיך מיישב דער "דיילי וואָרקער" און גיסט זיך צוזאמען מיט דער "דיילי מייל" אין איין פייפער. פאלט באלדווין אריין אין התפעלות און זינגט "דהי רעד פלעג".

לויפט ווייצמאן אנטקעגען זשאבאטינסקי'ן און זשאבאטינסקי לויפט אנטקעגען ווייצמאנ'ען.

— טייערער וועלוועלע! — שרייט ווייצמאן לויפענדיג.

— טייערער חיימ'קע! — שרייט זשאבאטינסקי לויפענדיג.

און זיי כאפען זיך ביידע ארום און אטעמלאז אזוי שטארק, ווי איינער וואלט דעם צווייטען וועלען דערשטיקען... גאלד־בלום פיהלט זיך גליקליך צוקוקענדיג און כליפעט אויף א קול.

קומט פאר א שמחה גדולה. א יאהודי פון דער "ליגע אף בריטיש דזשוס" נעהמט זיך ארום מיט א פארוינעם אידען פון פוילען. אן אגודה'ניק לאזט זיך אין א כשר־טאנץ מיט א ציוניסט. רבי הילמאן כאפט א טענצעל מיט רבי מאטיק, און דער טריסקער מיט'ן סאסאווער פראווען מלוה־מלכה.

אזא שלום בילד שטעלט זיך מיר פאר, ווען עס פאלט אויף מיר א שלאף.

מיר שטעהען איצט פאר'ן אחרית הימים. עס איז קיין ספק ניטא. און ווען חסידים זאגען, אז דער גערער רבי איז נעפאהרען קיין ארץ ישראל צו באגעגענען משיח'ן זאלט איהר זיי גלויבען.

מיר שטעהען ביי דער צייט פון "גר זאב עם כבש". ווען א וואלף וועט לעבען צוזאמען משלום מיט א שאף און א לעמפערט מיט א ציגעלע וועלען זיך פאשען אין איינעם.

איין זאך ווינש איך אייך, מיינע פריינט. ווען אזא גליקליכע צייט וועט קומען, זאלט איהר דאך ניט זיין די שאף אדער דאס ציגעלע. זייט בעסער דער וואלף אדער דער לעמפערט. ס'איז דאך זיכערער. אפילו אין דער גרויסער שלום צייט. מאלע וואס עס מאכט זיך. עס איז שטענדיג בעסער צו זיין אויף "דהי סייף סייד".

א פארשטאפטער מאגען

פאראורזאכט קאפ־שמערצען, שוואכע נערוועז און מוטלאזיגקייט. עס נעהמט אוועק ביי אייך דעם אפעטיט, און לאזט אייך ניט שלאפען.

עקס־לאקס
(EX-LAX אין ענגליש)
דער קענדי אפפיהר־מיטעל

האלט אייער מאגען אין ארדנונג. עס רעגולירט אייער לעבער און געדערים און האלט אייער בלוט ריין און קלאהר. דאקטוירים רעקאמענדירען עקס־לאקס פאר דער גאנצער פאמיליע.

עקס־לאקס קומט אין 2 פארמען: „טשאקאלאד" און „פיג פליוואר" (פייגען).

אין אלע דראג סטארס.

טעאטער — מוזיק — מואוויס

קעניגינס פון האליוואוד

פון ל. מלאך

מערלין דיטריך.

אין ערשטען פילם וואס זי האט זיך באוויזען, האט זי גראד ניט געשפּיעלט די ערשטע פידעל. זי איז געווען אזוי צוזאגען, אן אונטערשפּילערקע דעם געניאלען עמיל דזשענינגס, וואס האט געמוזט אפּטרעטען פון דער פילם וועלט, מיט'ן מאמענט ווען דער רעדענדיגער פילם האט ארויסגעשטויסען דעם שטומען.

פאר דזשענינגס'ן איז עס געווען א קלאפּ, און א קלאפּ אויך פאר זיינע אנהינגער. ווארים קיינמאל האט מען זיך ניט געקאנט פארשטעלען דזשענינגס'ן אין רייד פילם. פאר עמיל דזשענינגס איז ניט נויטיג געווען אפילו די אויפשריפטען אויף דעם עקראן, זיינע תנועות, זיין אויסדריק אויפ'ן פנים, זיין קנייטש מיט'ן שטערען און זיין ארונטערלאזען די אונטערשטע ליפּ, האט גענוג געזאגט, האט מעהר ווי גערעדט.

און דאך.

דאך האט דער קלאנג־פילם דזשענינגס'ען פאריאגט, אבער ניט אויף לאנג. די פילם וועלט האט זיך אן איהם ניט געקאנט באגעהן. מען האט געמאכט פיעל פשרות. עמיל דזשענינגס זאל יא ריידען און ניט ריידען, אויב ריידען זאל ער ריידען דייטש, זיין מוטערשפּראך און כדי די אמעריקאנער זאלען איהם פארשטעהן, מאכט מען איהם אין דער ראלע אלס לעהרער און עס איז קיילעכדיג און שפּיציג.

און דזשענינגס ווערט געפילמט אין א בילד וואס טראגט דעם נאמען "בלויער מלאך" און אין דעם בילד טרעט דאס צום ערשטען מאל ארויס מארלין דיטריך.

און ווער עס האט זי געזעהן, פאר דעם איז עס געווען אן איבערראשונג. זי האט פּשוט צוגעשמידט די אויגען צו זיך. זי האט געשפּיעלט א קאקעטע, א קאבארעט זינגערין, א האלבע אונטערוועלט מיידעל, נאר מיט אזוי פיעל תמימות און קינדערישקייט, אין האלבע טענער האט זי געשאפען אן אומפארגעסליך געשטאלט פון דעם טיפּ "לאלא־לאלא", א פארפיהרערין וואס איז איינגעטונקען בלויז אין צניעות און ניט קיין געמאכטע, נאר א אינערליכע, א טיעפע, א שעהן געשטאלט, א שטילע, נאר א פייער וואס צינדט אן און צוברענט און פארשרפה'ט די וואס ריהרען זיך אן אין איהר. די וואס קומען נאהענט מיט איהר. אט די שטילע, די כמעט נאאיווע, מאכט אן איבערקעהרעניש ניט נאר אין מענערס הערצער, נאר אויך אין זייערע נשמות, זי פארלענדט און פארניכטעט, מאכט א תל. טראגט מיט זיך פּיין און פארוויסטונג. לאזט איבער נאך זיך חורבות, חורבות פון מענשליכע לעבענס, צושטערטע רוה און צובראכענע היימען. זי שטעלט זיך ניט אפּ פון יונגע קינדער ביז אלטע מענער. ביי איהר איז ניט קיין מיוחס דער באריהמטער פּראפעסאר און זי צאצקעוועט זיך ניט מיט די שעהנע סטודענטען. זי איז א פרוי, טויזענט פּראצענט פרוי, און די מענער זיינען ניט באשאפען געווארען פאר איהר, פאר איהר פארגעניגען. נאר זי זאל זיי פייניגען, ברעגען און בראטען, און ניט מיט קיין פלאם, ניט מיט קיין העליש פייער, נאר מיט א פייער פון טליענדיגע קוילען. פאר איהר זיינען די מענער ניט מעהר ווי אביעקטען צו זיין שקלאפען און אונטערטעניגע קנעכט.

מארלין דיטריך שפּיעלט די מיידעל לאלא־לאלא, דער וואנדערענדיגער בלויער מלאך, זי איז דאס "אייגענטום" פון א צירק דירעקטאר, זי איז פון אן ענגליש־רעדענדיג לאנד. (אגב זי רעדט א פיינעם, שעהנעם ענגליש. אין דעם פּרט האט זי מעהר מזל ווי גרעטא גארבא וואס רעדט מיט א אויסלענדישען דיאלעקט), ווי אומעטום, ציהען זיך אויך צו איהר די לעריוגענד פון יענער דייטשער שטאדט, וואו עמיל דזשענינגס איז פּראפעסאר פון ענגלישער שפּראך און די יוגענט איז פארכאפּט.. לאלא־לאלא שיקט פארקויפען איהרע פּאסט־קארטען צו דער אוידיענץ, פּאסט קארטען אין פארנאגראפישע פּאזעס, די שטאדט ווערט פארפּלייצט פון די קארטען. אין קלאס־צימער געפינען זיי זיך אין די לער־ביכער. לאלא לאלא האט ארומגעכאפּט די שטאדט ווי מיט פלאמען און די שטאדט ברענט. דער פּראפעסאר ווערט דאס געוואויר. ער דארף געהן ראטעווען די יוגענט, ער דארף זעהן די לאלא־לאלא, ער מוז אויסגעפינען א מיטעל און א שפּרוך צו דעם שד, ער געהט אין די געסלעך צום "בלויען מלאך" און עמיל דזשענינגס, דער פּראפעסאר קומט פנים אל פנים מיט אט דעם מלאך־שד.

אין ראלען אויף דער קאנווע האט שוין עמיל דזשענינגס געשפּיעלט. און א פּיעסע געבויט אין א דייטשע סביבה, דאס איז נאך געווען דאמאלסט ווען דער שטומער פילם האט גערעדט. דער פילם האט געהייסען "די וועי אוו אל פלעש" — דער וועג פון יעדען בשר־ודם... דזשענינגס דער מוסטער פון ערנסט, פון איבערגעגעבענעם מאן און געטרייען פאטער ווערט אראפּגעפיהרט פון וועג פון א שעהן פנימ'על און דערגעהט צו דער מדרגה פון געפאלענקייט און רעזיגנאציע. דזשענינגס האט שוין 'דערפאהרונג" אין די ראלען, אבער אין "בלויען מלאך" האט ער זיך דערהויבען און זיך איבערגעשטיגען, הויפּטזעכליך אין ערשטען טייל פון בילד, דאמאלסט ווען ער איז נאך ער, פּערזענליכקייט, און ווארפט זיך אין קאמף מיט זיך אליין, ווען ער ווערט זיך מיט די לעצטע כוחות פון זיין ריינער נשמה, און דא קומט די אינטערעסאנטע ראלע, וואס דיטריך ברענגט ארויס, זי פאנגט איהם מיט'ן ערשטען מאמענט ווען זי זעהט איהם, און ניט מיט ווייבערישע שטיק, ניט מיט קאקעטעריי און חנד'לעך. זי פאנגט איהם ווי א פיש אויפ'ן האטשיק און שפּיעלט זיך מיט איהם, ווי א פיש־פאנגער שפּיעלט זיך מיט זיין קרבן, לאזט איהם זיך צאפּלען אויפ'ן שטריקעל, ווען אפילו דער קרבן איז ניט נויטיג, אז דער פיש וועט ניט אפּגעקאכט ווערען און ניט געגעסען ווערען.

מארלין דיטריך שפּיעלט אין א געוויסען זין אלס סאדיסטין, זי האט ליעב אנצוטאן צרות, ניט קערפּערליכע נאר גייסטיגע. זי איז ווי יענע חיה, וואס אז זי קריגט אריין איהר קרבן אין די לאפּעס, צוברעכט זי איהם אויף טויזענטער שטיקלעך און אליין ריהרט זי זיך ניט צו צום קרבן, צוברעכענערהייט לאזט זי איהם ליגען און געהט זיך ווייטער איהר וועג.

דזשענינגס ווערט תיכף צוגעבונדען איהר, הגם, ער האסט זי און הגם, זי ווייזט ארויס גלייכגילטיגקייט צו איהם, זי באהערשט איהם און מאכט איהם אונטערטעניג אין ערשטען אויגענבליק ווען זי דערזעהט איהם מיט א גלייכגילטיגע מינע און גלייך ער, דער שטאלצער פּראפעסאר און פּראמינענטער בירגער וואלט געווען פאר איהר, עפּעס גלייך א אינגעל, א גארנישט, און ווען שטעלט זיך פאר איהר, ער איז פּראפעסאר פון דער און דער הויכשול, גיט זי זיך אפילו קיין קוק ניט אום אויף איהם, זי שטעהט ביים גרימיר שפּיגעל, גרימירט זיך און ווי זייטיג ווארפט זי צו א באמערקונג צו איהם, ער זאל זיך אראפּנעהמען דאס היטעל, אויב ער איז אריינגעקומען צו א דאמע אין צימער...

מיט דער דאזיגער באמערקונג, וואס איז דאך אייגענטליך אזוי, פאראיבערגעהענדיג, ליגט איהר גרויסער כח. מיט דעם איינעם ווארט האט זי אנגעצייכענט איהר כאראקטער אלס טיפּ, מיט דעם אופן ווי דאס ווארט איז ארויסגעזאגט געווארען האט זי, דאס קאבארעט מיידעל, וואס טאנצט פאר א גאסען פּעריפעריע, דעם שטאלצען, חשוב'ן פּראפעסאר אויסגעלאכט פון זיין אינטעליגענטישקייט און איהם אזוי געמאכט שפל, אז זיין שטאלצער קאפּ האט זיך שוין קיינמאל מעהר ניט געקאנט אויפהויבען און אויסגלייכען.

מערלין דיטריך האט זיך איהרע וועגען און ספּעציעלע ווייבערישע וועגען. זי איז דער פּראטאטיפּ פון ווייבליכקייט, אין דער צייט וואס גרעטא גארבא נעהמט •איהר ראל אלס ווייב ערנסטער און טיעפער, קומט עס ארויס ביי מערלין דיטריך לייכטער און שפּילעוודיגער.

גרעטא גארבא איז זיכער מעהרער פּערזענליכקייט. זי נעהמט איהר פרוילעבקייט ווי א טראגעדיע און ווי א שטאלץ. גרעטא גארבא איז שטאלץ וואס זי איז א פרוי און דיטריך נעהמט זיך שפּילעוודיג. גארבא האלט די מענער אין זייער באציהונג צו פרויען אלס אויסוואורפען און זי פיהרט דורך א מיסיע אלס דער פארשטעהער פון דעם ווייבליכען מין, די מיסיע פון נקמה, און דיטריך, האלט עס אין ניט כדאי די מענער אזוי ערנסט צו נעהמען, אז קיין גרויסע חכמים זיינען זיי ניט, אז ווי באלד מענשען מיט גרויע קעפּ, און מיט ליסענע קעפּ. מענשען וואס פיהרען א וועלט, פיהרען מלחמות און מאכען פּאליטיק, פילאזאפען און נבונים, פּאליטיקער און פּאעטען, און ווי באלד די אלע ווערען די כפרה נאך א פּארריסען קליידעל און פּגר'ן אוועק נאך אן אפּגעדרעקט פיסעל איז א מצוה זיי מבזה צו זיין. זיי צו שפּייען אויף די ליסע קעפּ, זיי אנידערצוווארפען און זיי מאכען קושען די שטויבען פון די שיכלעך...

און דיטריך פיהרט דורך אט די מיסיע, זי טראגט זיך ניט דורך ווי א שטורם, נאר ווי מיט א לייכטע אנגעגליהטע שווערד, גלאנצט און שניידט, זינגט און פּאכעט מיט טויט און פארניכטונג.

דאס בילד "דער בלויער מלאך", וואס איז געשריבען געווארען פאר דעם באנייטען עמיל דזשענינגס, און די הויפּט ראלע שפּיעלט דארט טאקי עמיל דזשענינגס, אבער דזשענינגס איז ניט קיין פּנים חדשות אין דער פילם וועלט, קיין אויסערגעוועהנליך נייעס טאן האט ער צו דעם בילד ניט צוגעטראגען און צו דער מדרגה פון "דעם לעצטען געלעכטער" האט

(פארזעצונג אויף פיידזש 3)

מארגען דעה קאנצערט אין מעסי האל פון נעציינג קאמפּיין

מארגען אוונט קומט פאר אין מעסי האל דער גראנדיעזער קאנצערט פון פאלקס געציינג קאמפּיין. אזוי פיעל שטערען, אזוי פיעל באריהמטהייטען און נייגקייטען וועלען אנטייל נעהמען אין פּראגראם, אז עס איז אונמעגליך אין א נאטיץ זיי אלע אויסצורעכענען.

אלעקסאנדער טשוהאלדין

קודם כל דער סימפאנישער ארקעסטער באשטעהענד פון 80 מוזיקער אונטער דער לייטונג פון אלעקסאנדער טשהאלדין. באבי שפּערגעל, דאס וואונדער קינד פון טשעלא, אין נעגערשע ספּיריטשועלס און אידישע מעלאדיען.

דער פּיאניסט קינסטלער נארמאן ווילקס, דער טאלאנטפולער וויאלינסט אדאלף קאלדאווסקי, די ראדזא זינגערין ריטא נוטאל, אן אויסגעצייכענטער מענער קווארטעט און ענדליך דער צוועק — הילף פאר די דעקלאסירטע אידען אין מזרח אייראפּא.

דאס אליץ פארזיכערט א גייסטרייכען פארגעניגען.

יצחק ליפינסקיס עהרען אוונט דעה 9־טער מערץ

ביז יעצט האט יצחק ליפינסקי געקראגען זיין דאנק פון פובליקום דורך אפּלאדיסמענטען, וועלכע האבען קלאהן ארויסגעצייגט, אויף וויפיעל דער עולם האט הנאה פון איהם. יעצט קריגט דער עולם די געלעגענהייט ארויסצואווייזען זיין צופרידענהייט מיט ליפינסקי'ן אויף א נאך בולט'ערען אופן און ביי א ספּעציעלער געלעגענהייט.

יצחק ליפינסקי.

מיטוואך, דעם 9־טען מערץ וועט אין סטענדערד טעאטער פארקומען אן עהרען אוונט פאר יצחק ליפינסקי. ביי דער געלעגענהייט וועט אויפגעפיהרט ווערען די קאמעדיע "שמענדריק אין אמעריקע". אין וועלכער ליפינסקי וועט ארויסשיינען אין זיין פולען גלאנץ.

די וואס קענען ליפינסקין און די וואס האבען אזוי פיעל הנאה געהאט פון זיין שפּיעלען דא דעם גאנצען סעזאן, וועלען זיכער ניט דורכלאזען די געלעגענהייט זיך און ליפינסקין פארשאפען פארגעניגען.

דער פּעקער־סטראמבערג־ראפּעל קאנצערט קומענדען זונטאג

קומענדען זונטאג וועט אין סטענדערד טעאטער פארקומען דער יערליכער קאנצערט פון דער פארבאנד פאלקס־שול. אין דעם פּראגראם וועלען אנטייל נעהמען די שוין גוט באקאנטע אין טאראנטא קינסטלער וויקטאר פּעקער, מישא ראפּעל און חנה סטראמבערג, זיי וועלען אויפטרעטען אין א פארשיידענארטיגען פּראגראם פון לידער, אינסצעניזירונגען, טענץ א. א. וו.

אויסער די קינסטלער וועט אין פּראגראם זיך אויך באטייליגען דער שול־כאר און קינדער אין גרופּען טענץ.

חנה און איזידאר האלענדער די נייע געסט אין סטענדערד טעאטער

אונזער אידישער טעאטער איז א ברייטער מכנים אורח דעם סעזאן. קומענדען פרייטאג און שבת איז ער מקבל פּנים די נייע און דאך שוין גוט באקאנטע און באליעבטע אין טאראנטא, חנה און איזידאר האלענדער..

ווען די האלענדערס שפּיעלען, זארגט מען זיך שוין ניט וועגען וואס פאר א פּיעסע זיי שפּיעלען. אלץ איז גוט. און באזונדערס ווען פאר דער צייט וואס די באליעבטע געסט וועלען דא פארבלייבען, וועלען זיי אויפפיהרען פיעלע נייע פּיעסען, וואס זיי האבען מיטגעבראכט און אויך עטליכע פון די אלטע דערפאלגען זייערע.

די ליעבהאבער פון אידישען טעאטער וועלען זיכער זיין צופרידען; אפּגעבען א הארציגען שלום עליכם די געסט.

חנה האלענדער

איזידאר האלענדער

היינטיגע וואך אין די טעאטערס

אין סטענדערד טעאטער

היינט אוונט ווערט געשפּיעלט (צוויי פאר איינס) אברהם גאלדפאדען'ס "עקדת יצחק", פון די שאפונגען אין אידישען טעאטער, וואס ווערען קיינמאל ניט אלט.

פרייטאג אוונט און שבת בייטאג און אין אוונט וועלען אין סטענדערד אויפטרעטען טאראנטאס באליעבטע שוישפּיעלער חנה און איזידאר האלענדער אין ליבינס א הארציג לעבענס בילד "סאפּיעס חופה נאכט".

"דער געלער בילעט" אין גארדען

"דער געלער בילעט" וואס שפּיעלט שפּיעלט זיך פון היינט ביז ענדע וואך אין גארדען איז קודם כל א בילד פון קינסטלערישען שפּיעל.

עליסא לאנדי, די געהיימניספולע קינסטלערין ווערט אין דעם בילד נאך מעהר געהיימניס, וואס מעהר זי אנטפּלעקט דא איהר טאלאנט. אזא מין קראפט, אזעלכע אויסדרוקס מעגליכקייטען רופען ארויס דערשטוינונג.

דער ליעבלינג לייאנעל בארימאר האט דא אויך א שטארקע ראל, אבער ניט קיין דאנקבארע. איהר באוואונדערט זיין שפּיעלען, אבער פאר'ן צושויער איז ער פארט דער הויפּט פון דער אכראנע, דעם צאר'ס געהיים פּאליציי און איהר קענט איהם ניט ליעב האבען.

א העלדישע ראל שפּיעלט לארענט אליוועער, דער געליעבטער, פארליעבטער און פעהיגער און צוזאמען מיט איהם פרעהט איהר זיך מיט זיין גליק ביי דער ענדע פון בילד.

"מיידלאך פון די פאלים" אין עמפּייר

אונטער אן אלטען באקאנטען נאמען אבער אינגאנצען ניי לויט'ן אינהאלט איז די "מיידלאך פון די פאלים" מיט דזשיפּסי רעי ריד און א קעסט פון זינגענדיגע, טאנצענדיגע און לוסטיגע מיידלעך וואס איבערראשען סיי מיט זייער אויסזעהן, סיי מיט זייערע פעהיגקייטען.

זי ווערט ארויסגעהאלפען מיט דערפאלג פון מערי נאעל, א זינגערין און א שפּיעלערין, נאנא מארטין, א ספּעציעלע טענצערין; לי היקמאן, פון די בעסטע טרעמפּ קאמיקער; און א כאר פון צוואנציג טאלאנטפולע שעהנהייטען.

"די מיידלעך פון די פאלים" צייכענט זיך אויך אוים מיט דער אויסשטאטונג, וואס איז באזונדערס בריליאנט.

אין דאטשעס

היינט און מארגען געהט אין דאטשעס "דענדזשערוס עפּעיר" א שפּאנענדע ליעבעס געשיכטע מיט דזשעק האלט, ראלף גרייווס און סאלי בלעין. עס פארמאגט גענוג ריידענדע ווי שפּאנענדע מאמענטען צו זיין אינטערעסאנט פון אנהויב ביז צו דעם סוף.

פרייטאג, שבת, מאנטאג און דינסטאג שפּיעלט אין דאטשעס דאס באריהמטע בילד "די יעלאו טיקעט" (דער געלער בילעט) אין וועלכער עס וועט פארבייגעהענדיג אויפגעדיקט א טיפע טראגעדיע פון א אידישער טאכטער און פון אידען אונטער דעם צארישען רעזשים.

אין דאריק טעאטער

אין דאריק טעאטער הויבט זיך היינט אן צו שפּיעלען "דער געלער בילעט", א שפּאנענדע בילד פון צאריסטישען רוסלאנד.

די הויפּט העלדין איז א אידיש מיידעל, וועלכע, כדי צו ראטעווען איהר פאטער, וואס געפינט זיך ארעסטירט אין פעטערבורג, מוז אנקומען צו א "געלען בילעט" אום צו קענען וואוינען דארט.

עליסא לאנדי שפּיעלט אלס דאס דישע מיידעל וועלכע ווערט פארפּלאנטערט אין פיעל טראגישע געשעהענישען. לייאנעל בארימאר שפּיעלט די ראל פון א רוסישען באראן, דער הויפּט העלד אין דעם בילד.

אב. קאנוט קראנק

און ריידענדיג וועגען טעאטער מוז מען דאך דערמאהנען דעם בעל שמחה נאר וואס אין אידישען טעאטער אב. קאנוט, מיט באדויערען לאזען מיר וויסען זיינע פיעלצאהליגע פריינט, אז ער אב. קאנוט איז קראנק.

מיר ווינשען איהם א שנעלען געזונט ווערען און פיעל כוח אויף אנצוגעהן ווייטער מיט זיין ארבייט פאר'ן אידישען טעאטער.

פאלקס נעציינג קאמפּיין
קאנצערט
דאנערשטאג, 25טען פעב.
— אין —
מעסי האל
8 א זייגער אוונט
80 מוזיקער
אונטער דער ליטונג פון
אלעקסאנדער טשוהאלדין
דער גרעסטער סימפאניע ארקעסטער וואס איז ווען געהערט געווארען.
בילעטען צו מעסיגע פרייזען
צו באקומען ביי דראטי דווארקין
525 דאנדעס סטריט וועסט

אין אלע סטארס פון
„טארגסין"
קען אייער פריינד אדער קרוב קויפען
82¾ פונט
פארשידענע סחורות
פאר $6.40
לויט דעם פאלגענדען ארדער:

60	פונט מעהל	$2.40
10	פונט צוקער	.80
5	פונט סאנפלאוער סיד אויל	1.10
5	פונט פּאטעטא מעהל	.40
2½	פונט ליכט	1.25
¼	פונט טיי	.45
82¾ פונט	פאר	$6.40

אויך אלע אנדערע ארטיקלען, שפּייז, קליידער, וועש, שיך, און אלע געגענשטאנדען פאר הויז־געברויך און פּערזענליכען געברויך צו גלייכע מעסיגע פרייזען

צו שיקען אזא ארדער אויף "טארגסין" אויף דער סומע פון $6.40 קאסט בלויז 80 סענט. אייער פריינד קריגט יעדען סענט וואארע וואס איהר שיקט איהם, ניט א סענט ווייניגער, אהן שום צוצאהלונגען.

אמ־דערוטרא שיקט אויך אייערע אייגענע פּעקלאך וואארע — חוץ שפּייז פון ניו יארק נאך סאוועט רוסלאנד.

פרייזען, קאטאלאגס, אינפארמאציע, א. ד. ג., געגעבען אין אונזער אפיס, פּערזענליך, דורך בריף און טעלעפאן.

Am-Derutra Transport Corporation

די באפאלמעכטיגטע אפיציעלע אגענטור צום איבערשיקען פּארסעלס, "טארגסין" ארדערס און וואארע נאך סאוויעט רוסלאנד.

261 Fifth Ave. (10th floor) New York City
Telephone LExington: 2-4117, 4118

נייעס פון איבער גאנץ קאנאדע

צוויי פערזאן מאטענטאל געטויט איז צוזאמענשטויס צווישען טראק און צוג ביי קוקסוויל

קוקסוויל, פעברואר 23.

מיט א שודערליכען קנאל איז דער שיקאגא מאנטרעאל צוג היינט אין דער פריה אריינגעפאהרען אין א טראק אויף דער דאנדעס סט. קרייצוועג לעבען קוקסוויל און האט אויף דעם פלאץ דערהרג׳עט די צוויי פאהרער פון טראק.

ווי מען גלויבט, זיינען די דערהרג׳עטע דזשארדזש מור און ער. וועבער, פארמער פון ליסטאוועל.

דער טראק מיט די קרבנות איז געטראגען געווארען אויפ׳ן לאקאמאטיוו נאך דריי פערטעל מייל ביז דער צוג איז געבליבען שטיין. די שאף און הינער, וואס זיינען געווען אויפ׳ן טראק זיינען אויך דערהרג׳עט געווארען און זיינען געווען צושפרייט איבערן גאנצען וועג. דאס איינציג לעבען געבליבענע באשעפעניש אויפ׳ן טראק איז א שעפעלע, וואס האט אויך א צובראכענע פוס.

ווי אזוי דער דרייווער זאל ניט האבען באמערקט דעם אנקומענדיגען צוג איז א געהיימניש, ווייל דער קרייץ איז באווארענט מיט א גלאק און א זיך באוועגענדען צייכען, וואס ווארענט, ווען א צוג קומט אן, און עס האט צו יענער צייט געארבייט.

די קערפער פון די דערהרג׳עטע זיינען געבראכט געווארען קיין פארט ארטור, און מען האט גלאזט וויסען זייערע פאמיליעס.

ווייל דוקא באצאלען זיין שטראף

בראמפטאן, פעברואר, 23.

דזשי. ה. קראמפ, א פארמער פון קוקסוויל איז דערשינען אין היגען געריכט פאר פיהרען 11 פערזאן אין זיין ראאדסטער, אזוי ווי די פערזאנען זיינען געווען סקול קינדער, האט דער מעדזשיסטרייט איהם געוואלט אפלאזען מיט א ווארנונג. קראמפ האט זיך אבער ניט געלאזען. ער האט דוקא געוואלט באצאהלען די שטראף, און ער האט באצאהלט 10 דאלער.

ארבעטסלאזע מארשירען מיט יוניאן דזשעק און סערפ און האמער

וואנקאווער, פעברואר 23.

זעקס טויזענט ארבייטסלאזע האבען נעכטען מארשירט אין פאראד, האבענדיג אויף דעם אן ערלויבניש פון דער פאליציי, בתנאי אז זיי זאלען טראגען ענגלישע פאהנען.

די ארבייטסלאזע זיינען נאכגעקומען דעם באדינג, אבער לעבען דעם יוניאן דזשעק האבען זיי געטראגען א רויטע פאהן, צוויי מאל אזוי די גרויס, מיט דעם סערפ און האמער.

דער מארש איז באגלייט געווארען פון 30 מאונטעד פאליסלייט און 60 שטאדטישע, וואס האבען אפגעהיט אז די מארשירענדע זאלען געהן איבער די גאסען, איבער וועלכע עס איז דערלויבט געווארען צו געהן.

נאך אויסהערען א צאהל רעדנער האט דער מארש זיך אויפגעלעזט. קיינע אונארדנונגען זיינען ניט פארגעקומען.

DUCHESS THEATRE
Dundas cor. Markham

היינט און מארגען
24־טען און 25־טען פעברואר

נישט קיין גענגסטער פיקטשור — נאר א ליבעס געשיכטע ארומגעוויקעלט מיט שוידערענדער צאפלענדער געהיימנים!

Jack Holt and Sally Blane in "A Dangerous Affair" — A Columbia Picture

„א דענדזשערוס עפעיר"

מיט דזשעק האלט, ראלף גרייווס און סאלי בלעין

קומט פרייטאג
די דראמע פון דעם יאהר!
„די יעלאו טיקעט"
מיט עליזא לאנדי, ליאנעל בארימאר

צווינגט מיט ביקס זיין כלה זאל אים ליב האבן

לאנדאן, אנט. פעברואר 23.

א בעוואפענטער מיט א ביקס איז היינט אין דערפריה דער 23 יאהריגער עדווארד אלענה, א געקומענער פון ענגלאנד, וואס ארבייט אויף א פארם אין דארטשעסטער געקומען אין וואוינונג פון זיין געוועזענער כלה, מערל לעקאס, האט זיך אריינגעגנב׳עט אין איהר שלאפצימער און סטראשענדיג איהר מיט׳ן ביקס האט ער זי געצוואונגען זי זאל געהן מיט איהם אלס זיין כלה.

דאס מיידעל האט געמאכט גוואלדען אויף וועלכע עס איז אנגעלאפען די בעל־הבית׳טע פון הויז, וואס האט איהם פארהאלטען ביז דאס מיידעל איז אנטלאפען און זיך באהאלטען.

שכנים האבען נאכדעם איינגערעדט דעם יונגענמאן, ער זאל אוועקגעהן.

שפעטער איז ער ארעסטירט געווארען פון פראווינציעלער פאליציי, וואס האט איהם געכאפט נאך א גייעג איבער פעלדער.

די צרות נעהמען זיך פון דעם וואס נאך ארומגעהן מיט דעם יונגענמאן פאר א צוויי יאהר צייט, האט זי איהם איבערגעלאזען פאר אן אנדערען.

פאניק אין מאנטרעאל טעאטער אויסגעמידען

מאנטרעאל, פעברואר 23.

א מעגליכע געפעהרליכע פאניק איז אויסגעמידען געווארען אין א סט. לאורענס (מעין) סטריט מאווינג פיקטשור, ווען דער פילם האט זיך אנגעצונדען. די פייערלעשער האבען אראפגעווארפען זייערע אויבערשטע פייערלעשער קליידער און שטילערהייט אריין אין דער ביידעל און אויסגעלאשען דאס פייער, און דאס פובליקום האט נאך ניט געוואוסט וועגען דעם.

די פארשטעלונג איז אנגעגאנגען ווייטער אונגעשטערט. די פייערלעשער האבען פיל געלויבט דעם אשער וואס האט שטילערהייט געגעבען דעם פייער אלארם, ניט ארויסרופענדיג קיין אויפרעגונג.

פארל געפונען אין נאס ערנסט פארוואונדעט

קוויבעק, פעברואר 23.

מארגאריט בעדאר, 22 יאהר אלט, איז היינט געשטארבען פון רעוואלווער־וואונדען, עמיל פיקאר, 27 יאהר אלט, איז אין האספיטאל מיט א קויל אין קאפ. זיין לאגע איז אזוי ערנסט, אז מען האט שוואכע האפנונגען, ער זאל בלייבען לעבען.

די צוויי זיינען געפונען געווארען פון פון פארבייגעהער, וואס האבען געהערט דאס שיסען. א רעוואלווער איז געפונען געווארען דערביי. דאס מיידעל האט געהאט צוויי קוילען וואונדען און איז געשטארבען אין א שעה ארום.

פראגע וועגען אנטעריא האי־וועיס דיסקוטירט ביי קאנפערענץ

א פארשלאג אז א פראווינציעלע קאמישאן, ענהליך צו דער הידרא קאמישאן, זאל געגרינדעט ווערען, אום צו קאנטראלירען די האי־וועיס און וועגען אין אנטעריא, איז נעכטען פארגעשלאגען געווארען פון דר. ע. ר. וואודהאוז, דער וואדרען פון קארלטאן קאונטי, ביי א קאנפערענץ וועלכע איז פארופען געווארען פון דעם פראווינציעלען הייוועיס מיניסטער האנ. לעאפאלד מעקאולי.

די פארגעשלאגענע קאמישאן, האט דר. וואודהאוז דערקלעהרט, זאל האבען דאס פולע רעכט צו טאקסירען דעם טרעפיק און זאל איבערנעהמען אלע קאונטי ריבענטשורס.

די פראגע וועגען דעם צושטאנד פון די אנטעריא׳ר האיוועיס איז בכלל דיסקוטירט געווארען, און פרעמיער הענרי האט זיך אויך באטייליגט אין דער קאנפערענץ.

ארבייטער פארוואונדעט אין אטאווא

אטאווא, פעב. 23.

אין אן ארבייטער (קאמוניסטישען) פאראד וועלכער איז דא היינט פארגעקומען, זענען עטליכע פערזאן פארוואונדעט געווארען און א צאהל זענען ארעסטירט געווארען, ווען עס איז געקומען צו א צוזאמענשטויס מיט פאליציי.

אינגעל און הונט ראטעווען איינע די אנדערע

וויניפעג, פעברואר 23.

דער 14 יאהריגער פיטער בראון איז אריינגעפאלען אין וואסער און האט זיך געהאלטען אין טרינקען ווען זיין פריינט טייגער, א 145 פונטיגער הונט, האט איהם ארויסגעשלעפט. דער הונט אליין איז אבער אזוי אויסגעמאטערט געווארען, אז ער איז ארונטער אונטערן אייז און האט זיך אנגעהויבען טרינקען. דאן האט בראון איהם ארויסגעשלעפט. ווען מען האט דעם דורכגעפרארענעם אינגעל געוואלט אריינעהמען אין א הויז איהם צו דערווארימען, האט ער ניט געוואלט געהן, ביז מען וועט אויך ניט באזארגען דעם הונט.

ביידע זיינען געקומען צו זיך. אהן וועלכע עס איז שלעכטע פאלגען פון זייער טרינקען זיך.

DORIC THEATRE

בלור און גלאדסטאן עווניו

היינט, מיטוואך
דאנערשטאג, פרייטאג און
שבת
24, 25, 26 און 27 פעברואר

POWERFUL!

story of a framed girl.

THE YELLOW TICKET

„דער געלער בילעט"

א פרוי, וואס האט זיך געשטעלט נעגען גאנץ רוסלאנד.

לייאנעל בארימאר,
עליסא לאנדי

GARDEN THEATRE
College at Spadina

מיטוואך און דאנערשטאג
פרייטאג און שבת
24, 25, 26, 27 פעברואר

דאס צאריסטישע רוסלאנד . . . פאטער פאליטישער ארעסטאנט אין פעטערבורג . . . די העלדין אן וואוינרעכט . . . א מיטעל —

Elissa Landi sees evil intent in the sinister smile of Lionel Barrymore in the Fox drama, "The Yellow Ticket". IPC

דער געלער בילעט

א דינאמישע דראמע פון א אידישער טאכטער, געשטויסען אין אפגרונט. איהרע ליידען און זיגע.

מיט
עליסא לאנדי, לייאנעל בארימאר, לארענס אליוויער

EMPIRE

די גאנצע וואך
צוויי מאל טעגליך 8.30 — 2.30

שעהנסטער סטאר אין בארלעסק
דזשיפסי רעי ריד
און די לוסטיגע פראכטפולע
„מיידלאך פון די פאלים"
מיט
טשארלס סמיט, לי היקמאן, מערי נאעל, גערטרוד ריד, פרענסים מאוא, לעסטער מעק.
שוין איינמאל א שאו!
40 פולשטענדיגע היטס

פרייזען:
ליידים מאטינע טעגליך 25ס.
אווענט: 25ס. ביז $1.00
מאטינעס: 25ס. און 50ס.

קאלומביא בורלעסק

MAPLE LEAF GARDENS :—: **רעסלינג**

עקסיבישאנס
היינט, מיטוואך, 8.30 אווענט

הויפט באוט
ביז א פיניש — צוויי פאלען פון דריי
דזשארדזש זאכאריאס
געגען דזשים מעקמילען
סעמי פיינאל
האנס טשיינקע — געגען — טייני ראבוק
צוויי סענסאציאנעלע פרעלימינערים.
50ס. ביז $2.00. ליידים מיט באגלייטער 25ס.
QUEENSBURY BOXING and WRESTLING CLUB, Jack Corcoran, Promoter

---

STANDARD THEATRE

א גרויסער יום טוב! מיטוואך, 9־טען מערץ
עהרען אווענט פאר אונזער באליבטען בוף־קאמיקער
יצחק לופינסקי
די בארימטע מיוזיקאל קאמעדיע
שמענדריג אין אמעריקא
פון וו. סיגעל, מיט 15 נומערן געזאנג.
א גרויסער כאר איינשטודירט פון מ. גינזבערג.

טיקעטס שוין צו באקומען אין באקס אפיס.

גאלדענבערג׳ס כשר רעסטאראנט

באזונדערע פלעצער פאר
- מילכיגס און פליישיגס -
די אמת׳ע כשרה סיסטעם
עקזיסטירט זינט 1908.
273־275 ספעדיינע עוועניו. טעלעפאן וויווערלי 4960.

פאלגענדע בוטשערס פארקויפען נבלות וטריפות

ש. בורד — 358 קאלעדזש סטריט
אייבי עפעלזאפט 854 דאנדעס סטריט
מאיר האלצמאן קארנער נעסאו און בעלוויו עוו
ראזענפעלד — 688 קאלעדזש סטריט
אייזיק אונגערמאן 38 קענזינגטאן עוועניו
שמעון קעלערמאן — באלדווין און ספעדיינע

היט אייך ניט אריינצונעהמען אין אייערע הייזער פון זייערע פליישע.

לאזט אייך ניט פארפיהרען פון הכשרים אויף נבלות וטריפות נגד התורה והיהדות.

וואורשט פעקטארים אויפמערקזאם

נעהמט ניט אריין קיין ברוסטען פון די אויבענדערמאנטע בוטשערס אדער פון דעם פלייש פעדלער

היט אייך פון די טריפה׳נע שוחטים

אברהם הורוויץ — באלדווין סטריט
יוסף קירשענבוים
פישביין — קעמעראן סטריט
נחום טאוב (דער אוקראינער) דאנדעס, קארנער מארקהאם

משרד און ועד הרבנים דפה.

STANDARD THEATRE

אונזער נייער טעלעפאן נומער איז : וויווערלי 6950

היינט אווענט 24־טען פעברואר
ליידים פריי — 2 פאר איינס
אברהם גאלדפאדען׳ס אונשטערבליכע אידישע אפערא
עקדת יצחק
אויפגעפיהרט פון יעקב זאנגער.
מוזיק איינשטודירט און דיריגירט פון מ. גינזבערג.

ווילקאמען! אונזערע גרויסע געסט ווילקאמען!
די באליבטע שוישפילער

חנה און איזידאר האלענדער
צוזאמען מיט יעקב זאנגער
פרייטאג אווענט שבת בייטאג און אווענט
דעם 26־טען און 27־טען פעברואר
חנה און איזידאר האלענדער
„סאפיע׳ס חופה נאכט"
הארציגע לעבענס ביל פון ז. ליבין.

צוזאמען מיט אונזער קינסטלער קאמפאני:
אנא טייטעלבוים, אסתר פיעלד, חוה זימאנד, סטעלא שולמאן, יצחק ליפינסקי, היימאן ראפאפארט, משה זיידמאן און אליקס אמאסיא

אפיס טעלעפאן:
עלגין 3641.

הויז טעלעפאן
לאידברוק 4758.

לאיער נייטען פהיליפס קיי. סי.
און קאמפאניע
NATHAN PHILLIPS, K.C.
אימפעריאל באנק בילדינג
171 יאנג סטריט
קארנער יאנג און קווין סט.
אפיס שטונדען: פון 10 פריה ביז 6 נ. מ.

אפיס טעלעפאן:
עלגין 1619

נאך אפיס שטונדען:
טריניטי 1446.

לאיער
ה. ס. מאנדעל
— פון —
גודמאן און מאנדעל
בעריסטערס, סאליסיטארס א. אז. וו.
רומס 40—41 אימפיריאל באנק בילדינג 171 יאנג סטריט

לאיערס גלעס און דיקלער
— פון —
GLASS - DICKLER & CO.
708 דאמיניאן בילדינג, 465 בעי סט.
אפיס טעלעפאן: עדעלייד 1168 — 1169
אלגעמיינע, ציווילע און קרימינעלע לאו־פראקטיק.
געלט געליהען און אינוועסטירט אויף מארטגעדזשעס.

אפיס:
45 ריטשמאנד סט. וועסט
904־905 סענטראל בילדינג

אפיס טעלעפאן:
עדעלייד 3083
הויז טעלעפאן: טריניטי 1078

לאיער סאול אייזען ב.א.
SOL. EISEN, B.A.
בעריסטער, סאליסיטאר, נאטערי פאבליק
געלט געליהען און אינוועסטירט אויף מארטגעדזשעס

אפיס:
45 ריטשמאנד סט. וועסט
705 סענטראל בילדינג.

אפיס טעלעפאן:
וויווערלי 2211
הויז טעלעפאן קינגסדייל 8419.

לאיער ב. ווינבערג ב.א.
בעריסטער, סאליסיטאר, נאטערי פאבליק
געלט צו לייען אויף מארגיידזשעס.
מארגיידזשעס געקויפט.